# אינהאַלט־פֿאַרצייכניס

## פון זעלבען מחבר:

א) רבי ישראל בעל־שם־טוב—צוויי בענדער.
ב) צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום.
ג) די נסיעה פון רבי נחמן בראסלאווער.
ד) פיגורען.

## אין דרוק:

א) ספורי מעשיות פון ר״נ בראסלאווער.
ב) וועלטען — עסייען.
ג) אין שטראם — פובליציסטישע שריפטן.

## פארטיג צום דרוק:

א) אידישע געשיכטע — דריי בענדער
פון גלות בבל ביז די חשמואים.
ב) די אפאקריפען.

## ערשטע אָפּטיילונג


ח ב ל י  י צ י ר ה ........................................ 9


## צווייטע אָפּטיילונג


מ ד ת  ה ר ח מ י ם ........................................ 21


## דריטע אָפּטיילונג


צ ד ק ה : —

א. — דער חיוב צו געבען צדקה........................ 45

ב. — דער אופן ווי אַזוי מען דאַרף געבען צדקה 49

ג. — דער שכר פון צדקה........................ 59

ד. — צדקה תציל ממות........................ 67

ה. — מען טאָר אויף צדקה ניט קאַרגען........... 79

ו. — אַלע זענען מחויב צדקה צו געבען........... 84

ז. — אַליין געבען און מאַכען יענעם געבען....... 89

ח. — די וואָס זאָגען צו און זענען ניט מקיים.... 94

ט. — כל הפושט יד נותנים לו........................ 97

י. — צדקה צו אייגענע........................ 106

יא—לקט שכחה ופאה........................ 109

יב—קאָלעקטיווע צדקה........................ 115

יג—דער חיוב צו נעמען צדקה........................ 122

פיערטע אָפּטיילונג

גמילות חסדים ................................ 129

פינפטע אָפּטיילונג

לייהען און אַנטלייהען ................ 137

זעקסטע אָפּטיילונג

אָרים און רייך ................................ 151

---

רשימה .................................................. 155

ערשטע אָפּטיילונג

# חבלי יצירה

לזכר נשמת
א מ י  ה י ק ר ה
שמתה באביב ימיה,
בשנת השלשים לחייה,
חייצה בת ר׳ יוסף ז״ל
תרי״ח — תרמ״ח.

# חבלי יצירה

**„שיתף הקב"ה את מדת הרחמים למדת הדין**
**וברא בהן את העולם".**
**גאָט האָט צו דער מדה פון דין די מדה פון**
**רחמנות משתף געווען און די וועלט מיט זיי**
**געשאַפען *)**

מיט וועה־געשרייען רייסט זיך דאס ניי־געבארענע אין לעבען אריין. די „חבלי יצירה", די „חבלי לידה" — די גע־בורט־וועהען, זיינען אפשר ניט קלענער, ווי די גסיסה־וועהען. און דאס אייגענע איז אויך מיט דעם גייסטיגען שאפען.

דורך צער און פיין ווערט יעדע נייע זאך אויף דער וועלט געבארען. דער פראצעס פון שאפען ווערט אויך פון א לאנג־דויערענדען פראצעס פון גרויסער פיינליכקייט בא־גלייט. אהן חבלי יצירה, אהן שאפונגס וועהען, קען קיין יצירה צו שטאנד ניט קומען.

יעדער גרויסער קינסטלער, יעדער גרויסער דענקער לעבט אזוינע גרויסע „חבלי יצירה" איבער אין דעם פראצעס פון שאפען זיינעם.

---

*) „ה' אלהים — .מלך שהיו לו כוסות דקים. אמר המלך: אם אני נותן לתוכן חמין — הם מתבקעין; צונן — הם מקריסין — איינגעשפאלטען ווערען. מתבקעין הייסט צעשפאלטען ווערען אויף שטיקלאך — מה עשה המלך? ערב חמין בצונן, ונתן בהם, ועמדו. כך אמר הקב"ה: אם בורא אני את העולם במדת הרחמים — הווה חטייה סגיאין. במדת הדין — היאך העולם יכול לעמוד? אלא הרי אני בורא אותו במדת הדין ובמדת הרחמים — והלואי יעמוד". — „בראשית רבה", פרשה י"ב, צום סוף: ה' אלהים *) —

ער שטורעמט זיך ביז צו גאר אן, ער זאל די אלע אידעען־בילדער, וואס לעבען אין געדאנק ביי איהם, צו זייער פולען אויסדרוק ברענגען, ער וויל פרייען שוואונג געבען צו די אלע שעפפערישע קוואלען, וואס שלאגען אין איהם. ער וויל דאס גאנצע פארבארגענע ליכט, וואס באשיינט די אינערליכע וועלט זיינע, פאר דער פרעמדער, אויסערליכער וועלט ענט־פלעקען.

באגרעניצט זיינען אבער די מיטלען וואס זיינען איהם אין דיענסט געשטעלט, צו באנוצען זיך מיט זיי פאר דעם צוועק. אומזיסט איז דאס פיינליכע פלייסען זיך זיינס. ווי פארצווייפעלט עס איז ניט די אנשטרענגונג זיינע, גיט זיך

---

א משל צו א מלך, וואס האט געהאט דינע גלעזער, טייערע. האט ער געזאגט דער מלך: אויב איך וועל אריינגיסען אין זיי הייסע וואסער — וועלען זיי צעזעצט ווערען. קאלטע — וועלען זיי איינגעשפאלטען ווערען. וואס זשע האט ער געטאן? האט ער אויסגעמישט הייסע וואסער מיט קאלטע און האט אריינגעגאסען אין זיי. האבען זיי זיך געהאלטען. אזוי האט הקדוש ברוך הוא געזאגט: אויב איך וועל באשאפען די וועלט מיט מדת הרחמים, וועלען דאך די זינד פיעל זיין אויף דער וועלט. מיט מדת הדין? ווי אזוי זשע וועט די וועלט קענען א קיום האבען. נאר וואס דען? איך וועל זי באשאפען מיט מדת הדין און מיט מדת הרחמים — און הלואי זאל זי כאטש דאן אין קיום זיך קענען האלטען.

און אויף צו פארשטעהן ריכטיג די כוונה פון מאמר בא־דארף צוגעגעבען ווערען, אז „ה'" ווייזט אויף רחמים; „אלהים"— אויף דין.

---

*) ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים" — בראשית, ב' — אין דעם טאג, ווען דער האר גאט האט געמאכט ערד און הימעל.

איהם נאך אלץ ניט איין דעם געהעריגען תיקון צו ברענגען צו דעם אלעם, וואס לעבט אין געדאנק ביי איהם.

און מעג די גאנצע וועלט זיין געניאל ווערק באוואונדערען; מעג זי עס אלס ווערק, אין וועלכען עס האט זיך די גרעסטע מדרגה פון שלימות פארקערפערט, באטראכטען: דער גרויסער קינסטלער אליין אבער בלייבט אומבאפרידיגט שטענדיג. ער פיהלט, אז ער האט געהאט צו געבען א סך מעהר, וויפיעל ער האט אין דער ווירקליכקייט געגעבען.

אמת, דער לאנג־דויערענדער פראצעס פון „חבלי יצירה", וואס ער האט דורכגעלעבט, ווען ער האט זיין ווערק געשאפען, די גרויסע אנשטרענגונג זיינע, וואס ער האט זיך אנגעשטרענגט, דאס ווערק זיינס זאל וואס מעהר פאלקאמען ארויסקומען, האט איהם, ווירקליך, איבער א לאנגען וועג פון פיינליכע איבערלעבונגען, צו אלץ גרעסערע מדרגות פון שעפפערישער פאלקאמענהייט געפיהרט. ער ווייס אבער אויך דאס, אז ווי גרויס עס זאל ניט זיין די קינסטלערישע שלימות, וואס ער האט אין דעם דאזיגען ווערק פארקערפערט, איז די קינסטלערישע שלימות פון דעם מאדעל פון ווערק, וואס לעבט אין געדאנק ביי איהם, אומגעהויער העכער פאר איהר.

ווארים דאס קונסט־בילד, ווען עס לעבט נאר אין געדאנק פון קינסטלער, איז ווירקליך פיעל גראנדיעזער שטענדיג, פיעל אימפאזאנטער, פיעל פארבענרייכער, ווי דאן, ווען עס האט שוין זיין פארקערפערונג נעקראגען דורך דעם ווארט אדער פענזעל פון קינסטלער.

גרויס איז דער כח פון ווארט. נאך גרעסער איז אבער דער כח פון געדאנק.

דער געדאנק איז טיעפער שטענדיג, אינטענסיווער, פיעלטעניגער פון דעם ווארט, אין וועלכען ער פארקערפערט זיך. אין א געוויסען זין איז דאס ווארט, ניט מעהר, ווי א הספד

נאר אויף דעם געראנק. די אלע ווערטער, מיט וועלכע מיר באנוצען זיך, זיי זאלען אלס לבוש פאר אונזערע געדאנקען זיין, זיינען אין א געוויסען זין ניט מעהר, ווי נאר א תכריכים־לבוש פאר זיי. מעהר ווי דאס ווארט איז דער מעדיום פון געדאנק, דורך וועלכען ער זאל צו זיין פולער התגלות קומען, איז ער נאר דער רוצח זיינער. דער געדאנק, ווי ער ווערט אין ווארט פארקערפערט, איז א שוואכער שאטען נאר פון דעם, וואס ער איז פריהער געווען, ווען ער האט זיך אין זיין פולען לעבען געפונען, איידער ער איז אין ווארט מגולגל געווארען.

עס האט נאך קיין גרויסער פילאזאף, קיין גרויסער דענקער ניט געזאגט קיין מאל דאס, וואס ער האט, ווירק־ליך, זאגען געוואלט. די אידעע וועגען דער פארווירקליכונג איז שטענדיג גרעסער פון דער פארווירקליכונג אליין.

און דערפאר אזוי פיעל שיטות, דערפאר אזוי פיעל פירושים, אזוי פיעל אויסטייטשונגען, אזוי פיעל פארשידענע געגענגעזעצטע שולען אין יעדען פילאזאפיש סיסטעם, אין יעדען סאציאל־עקאנאמישען דאקטרין.

„עס איז דאס ווארט מיט גאט געווען, ווען ער האט די וועלט באשאפען". און פון דאן אן איז עס מיט דעם מענשען געבליבען צו פארפלאנטערען איהם אין טראגישער אומבאהאלפענקייט.

וואס מעהר די מענשען טענהן זיך אויס צווישען זיך, אלץ ווייניגער פארשטעהען זיי זיך. וואס מעהר ביכער עס ווערען געשריבען, אלץ מעהר נייע ביכער, אלס פירושים אויף די שוין־אנגעשריבענע, מוזען געשריבען ווערען.

און דאס איז דער שיקזאל ניט נאר פון די אויסדער־וועהלטע, פון די יחידי־סגולה, פון די גרויסע קינסטלער, פון

די גרויסע דענקער, נאָר אויך פון יעדן איינעם פון אונז. מיר זיינען אַלע צו אַט יענעם שיקזאַל פאַראורטיילט. דאָס לעבן פון יעדן איינעם פון אונז גהעט פאַרביי אונטער דעם צייכן פון גרויסע שטרעבונגען און נאָך גרעסערע ענ־טוישונגען, ווען מיר דערזעהען די פאַרווירקליכונג פון אַט יענע שטרעבונגען פאַר אונז.

„יכול כל אדם להיות כמשה רבנו" •), האָבען אונזערע אַלטע חכמים געזאָגט — יעדער איינער קען ווי משה רבנו זיין. מען דאַרף אָבער נעהמען די דאָזיגע באַהויפּטונג אין געוויסע באַגרענצונגען. ניט יעדער איינער קען אַ משה רבנו ווערען. אַ משה רבנו דאַרף מען זיין. מען דאַרף דאַרויף די נויטיגע הכנות פון געבוירען האָבען. זיכער איז אָבער דאָס, אַז יעדער איינער פון אונז וויל אויף זיין געביט אַ משה רבנו זיין. יעדער איינער וויל אויף זיין שטייגער זיך אויסצייכענען און דאָס גרויסע דערגרייכען. יעדער איי־נער פון אונז גאַרט און בענקט נאָך דער מעגליכקייט, ער זאָל קענען דעם גאַנצען אינערליכען איך זיינעם צו זיין פולסטען אויסדרוק ברענגען, עס זאָלען קענען די אַלע פאַרבאָרגענע נשמה־כחות זיינע אין פרייען שוואונג זיך פאַנאַנדערוויקלען. זיין באַגעהר מוז אָבער אומבאַפרידיגט בלייבען. עס קען ניט קיינער, אויף וואָס פאַר אַ געביט ער זאָל ניט אַרבייטען, זיך געבען אין גאַנצען. „אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו" — ווערט אין „קהלת רבה", פ"א, געזאָגט — עס גהעט קיינער פון דער וועלט ניט אַוועק — און עס זאָל אפילו אַ העלפט פון זיין באַגעהר מקויים ווערען. דער טייל פון דעם „אור הגנוז" פון מענשען, דער טייל פון דעם ליכט, וואָס

•) רמב"ם, הלכות תשובה, פרק חמישי.

בלייבט פארבארגען אין מענשען, איז פיעל גרעסער פון דעם טייל, וואס קומט לידי התגלות.

---

און „בצלם אלהים ברא את האדם" *)—אין זיין געשטאלט האט גאט דעם מענשען באשאפען. די נשמה פון מענשען איז פון „נשמת שדי ממעל" א חלק — א טייל פון דער אוני־ווערסאלער געטליכקייט איז די מענשליכע נשמה.

און אט אזוי איז אויך די שאפענדע גאטהייט דעם זעלבען טראגישען שיקזאל אונטערגעווארפען. אויך דאס שטראהלענדע ליכט פון דער געטליכער שפע ווערט אלץ קלענער און קלענער, דורכגעהענדיג די אלע פארשידענע מדרגות, אויף וועלכע זי געפינט זיך, פון דעם מאמענט אן, אין וועלכען זי לעבט נאך נאר אלס אידעע, ביז צו דעם מאמענט, ווען זי ווערט א רעאליטעט.

אויך די שאפענדע גאטהייט לעבט אט יענע גרויסע „חבלי יצירה" איבער, און אויך זי קען ניט, כביכול — אויב מען קען זיך אזוי וועגען גאט אויסדריקען — איהרע פולע שלימות אין איהרע שאפונגען פארקערפערען. ווייטע וועל־טען פיעלע טיילען דעם „עולם האצילות" — די אידעען־וועלט — מיט דעם „עולם העשיה" — די רעאליטעטען־וועלט — פאנאנדער. די רעאלע וועלט, וואס מיר זעהען, איז נאר א שאטען א שוואכער, פון דעם מארעל, וואס האט אין דער מחשבה פון גאט געלעבט.

„איידער גאט" — דערצעהלט אונז רבי אבהו **) אין בראשית רבה, פרשה ט׳ — האט די וועלט באשאפען, האט

---

*) בצלם אלהים ברא אותו" — בראשית, א׳.

**) נאך ברייטער ווערט דער דאזיגער ענין ביי די בעלי הקבלה ארומגערעדט.

ער פריהער פיעלע אנדערע וועלטען באשאפען. ער האט אין איין בויען וועלטען און מחריב זיין וועלטען געהאלטען. די געפעלען מיר און די געפעלען מיר ניט — האט ער ביי יעדער ביי־געשאפענער וועלט געזאגט". ער האט, ווי געזוכט דעם וועג, וואס זאל איהם פיהרען צו דער פולער פארקערפערונג פון דער גאנצער שלימות זיינער. דעריבער האט ער פאר־שידענע עקספערימענטען געמאכט. אויך די וועלטען אבער אפילו, וואס זיינען איהם שוין יא געפעלען געווארען, זיינען נאך אלץ ניט ווערט געווען אין זיינע אויגען, ער זאל זיי אין עקזיסטענץ לאזען.

און ווען ער זאל זיך געווען שטרענג אין מדת הדין האלטען, וואלט ער קיינמאל ניט געווען געגעבען דער שא־פענדער ענערגיע זיינער די רעאלע פארקערפערונג איהרע, וואלט דער גאנצער עקזיסטירענדער איצט אוניווערזום ניט באשאפען געווארען. די מעגליכקייט דערויף, אז די שאפענ־דע ענערגיע פון דער גאטהייט זאל איהר רעאלע פארקער־פערונג קריגען, איז באשאפען געווארען ערשט דאן, ווען דער רבונו של עולם האט דעם עלעמענט פון מדת הרחמים צום מדת הדין צוגעלעגט —

„שיתף הקדוש ברוך הוא את מדת הרחמים למדת הדין וברא בהם את העולם" — גאט האט די מדת הרחמים אלס שותף צו דער מדת הדין צוגענומען און האט מיט זיי די וועלט באשאפען.

דורך רחמנות איז די וועלט צושטאנד געקומען.

די גאטהייט האט רחמנות געקראגען אויף דער שאפענ־דער ענערגיע איהרער, וואס האט צו איהר פארקערפערונג גענארט, און האט איהר — איהר תקון געגעבען.

דורך רחמנות איז די וועלט צושטאנד געקומען. און רחמנות איז אויך דער יסוד, אויף וועלכער די וועלט האלט זיך שטענדיג.

„הקדוש ברוך הוא יושב בכל יום על כסא המשפט לדון את העולם. כיון שרואה שנתחייב העולם כליה — עומד מכסא הדין ויושב על כסא רחמים“ *).

גאט — ווערט געזאגט אין עבודה זרה ג׳, ב׳ — זעצט זיך אלע טאג אויף דעם ריכטער שטול אוועק — די וועלט צו משפטען. און ווען ער זעהט, אז די זינד זיינען זעהר גרויס, און זי דארף איבער דעם אומגעבראכט ווערען, זעצט ער זיך פון דעם כסא הדין אויף דעם כסא הרחמים איבער. הויבט ער אן מיט רחמנות די וועלט צו משפטען.

און איז אן אנדער ארט — פסחים, פ״ז, א׳ — ווערט גע־זאגט:

„אפילו ווען דער אויבערשטער איז אין כעס, פארגעסט ער ניט די מדה זיינע פון רחמנות“.

און, ווירקליך, ווען די וועלט זאל זיך נאר מיט מדת הדין אליין פיהרען, וואלט זי קיין טאג אפילו ניט געקענט עקזיסטירען.

„אברהם אבינו“ — זאגט דער „מדרש רבה“ אין ויקרא, פרשה י׳ — האט אזוי צו גאט געטענהט: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט“ — דער וואס משפט די גאנצע וועלט, זאל קיין משפט ניט טאן“ **).

*) אין טעקסט: „יושב ודן את כל העולם כולו“.

**) דער פסוק „השופט כל הארץ“ דארף פארשטאנען ווערען אין דער תורה אין דעם זין פון א פראגע. ווען אברהם אבינו האט געבעטען גאט — ווי עס ווערט דערצעהלט אין בראשית, וירא — ער זאל זיך מרחם זיין אויף די סדום־מענשען, האט ער

„רבונו של עולם: אויב דו ווילסט א וועלט האבען, קען קיין משפט ניט זיין. אויב דו ווילסט משפט האבען, קענסטו קיין וועלט ניט האבען. דו ווילסט די שטריק ביי ביידע עקען האלטען. דו ווילסט אי די וועלט דיינע האבען און אי א דין אמת פארמאגען. אויב דו וועסט ניט נאכגעבען א ביסעל — וועט די וועלט דיינע ניט קענען עקזיסטירען".

„לא חרבה ירושלים" — ווערט געזאגט אין בבא מציעא, ל׳, ב׳ — „אלא שהעמידו את דיניהם על דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין" — ירושלים איז ניט חרוב געווארען נאר דערפאר, וואס זיי האבען זיך שטרענג נאך דעם דין גע־פיהרט און ניט לפנים משורת הדין זיך באגאנגען.

ווארים אין נאמען פון דין קען מען אויך די גרעסטע רשעות באגעהן. עס איז דער „לפנים משורת הדין" צו טאן מעהר, ווי מען איז פון דין פארפליכטעט צו טאן, דער יושר, וואס לאזט ניט די רשעות צופיעל צובליהען זיך. רעכט און גערעכט זיינען צוויי באזונדערע זאכען. ניט אלעס, וואס איז רעכט, איז אויך גערעכט. עס איז די רעכט פון יעדען איינעם צו נעהמען פון לעבען, ווייפעל ער קען נאר נעהמען פון דעם. דאס איז אבער א רעכט, וואס קען מיט גערעכ־טינקייט ניט שטימען. א רשע איז דער, וואס נעהמט צו־פיעל פון לעבען, וואס נעהמט אזוי פיעל פון דעם, אז עס זאל פאר אנדערע גאר ניט בלייבען.

---

צו איהם געזאגט: „דו וואס ביזט דער שופט פון דער גאנצער וועלט, וועסטו קיין גערעכטען דין ניט טאן?" לויט דעם דרש אבער באדארף דער דאזיגער פסוק געלייענט ווערען בניחותא, אהן א פראגע־צייכען.

צווייטע אָפּטיילונג

# מדת הרחמים

# מדת הרחמים

.1

דורך רחמנות איז די וועלט באשאפען געווארען, און דורך רחמנות האלט זי אויך איהר קיום אן. ווען ניט רחמנות, וואלט קיין מענשליכע געזעלשאפט ניט געקענט זיין, וואלט בכלל דער מין מענש עקזיסטירען ניט געקענט, וואלט אויך די עקזיסטענץ פון אלע אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען ניט מעגליך געווען. עס איז דאס רחמנות־געפיהל פון די על־טערן צו זייערע קינדער, ביי מענשען, ווי ביי חיות, וואס מאכט מעגליך, עס זאלען אויסוואקסען נייע דורות, וואס זאלען די אלטע דורות פארבייטען. די ווילדעסטע, די ערג־סטע מענשען, וואס קענען אלס די גרעסטע אכזרים באצייכענט ווערען, די בלוטדורשטיגסטע חיות אפילו, ווען ניט דע־גענערירט, זיינען ניט פון פאטערליכע און מוטערליכע גע־פיהלען בארויבט, פארמאגען די פעהיגקייט געטריי און אי־בערגעבען צו זייערע קינדער זיין ביז צו זעלבסטפארגעסונג, ביז צום אויפאפפערען זיך פאר דעם וואוילזיין פון די קינדער זייערע.

נאר די דאזיגע פאטערליכע און מוטערליכע רחמנות־גע־פיהלען זיינען עס דער פאקטאר געווען, וואס מיר פארמאגען דעם באגריף מענשהייט היינט. אונטער זייער ווירקונג האט זיך די מענשליכע פאמיליע פארמירט. און די באזונדערע מענשליכע פאמיליעס זיינען אין באזונדערע שבטים אויס־געוואקסען. און וואס מעהר פעריאדען יאהרען פון ענטוויק־לונג עס זענען פאראיבער האבען די שבטים־גרופען אין נא־

ציאַנען־גרופּען זיך אָנגעהויבען צו פאַרמירען. און פון דעם באַגריף וועגען פאַלק און נאַציאָן, האָבען מיר זיך צום באַגריף וועגען אַ מענשהייט דערהויבען.

און דעריבער ווערט אין דער אידישער עטיק, אין די אַלטע אידישע ספרים, די מדה פון רחמנות אויף אַ געוואַלדיג הויכער מדרגה געשטעלט. גאָט ווערט, אמת, אין דער תורה אויך אַלס „אל קנא ונוקם“, אַלס גאָט פון נקמה באַצייכענט. פריהער אָבער, ווי עס ווערט איהם די מדה פון נקמה צוגעשריבען, ווערט אַלס דער הויפּט־אַטריבוט — איינגעשאַפּט — זיינער די מדה פון רחמנות אָנגעגעבען. איי־דער עס ווערט דערצעהלט וועגען איהם אין דער תורה, אַז ער נעהמט נקמה פון די מענשען פאַר זייערע זינד, ווערט דערצעהלט דאַרטען וועגען דעם, אַז ער איז מוחל די מענשען די זינד זייערע, אַז ער באַשענקט זיי מיט דעם רחמנות זיי־נעם. פון די אַלע מדות, וואָס ווערען דאַרטען גאָט צוגע־שריבען, איז די מדה פון רחמנות די ערשטע. גאָט ווערט דאַרטען — שמות, ל״ד — אַלס „אל רחום וחנון, ארך אפים ורב חסד ואמת“ באַצייכענט — אַלס דערבאַרימדיגער גאָט, וואָס טראָגט געדולדיג איבער די זינד פון מענשען און באַ־געהט זיך מיט פיעל חסד און אמת מיט איהם.

און אויך דאָ, ווען ער נעהמט די נקמה פון מענשען איז ער ניט צופרידען דערפון, באַדויערט ער עס שטאַרק. גאָט איז זיך — ווערט אין סנהדרין, מ״ו, געזאָגט — „אויף דעם טויט פון אַ רשע אפילו מצער שטאַרק“ *). „אין הקב״ה שמח במפּלתם של רשעים — מגילה,י׳ — גאָט פרעהט זיך ניט אויף דער מפּלה פון די רשעים.

---

*) „המקום מצטער על דמן של רשעים שנשפך“.

און ניט נאָר פאַר דעם אויסדערוועהלטען פאָלק זיינעם, פאַר דעם אידישען פאָלק אַליין, איז ער אַן אל רחום וחנון. זיין רחמנות דערגרייכט אַלעמען. איבער די אַלע פעלקער זיינען די פליגעל פון זיין רחמנות אויסגעשפּרייט. אויף אַלע פעלקער שטראַהלט דאָס גרויסע ליכט פון חסד זיינעם. אפילו אויף די, וואָס טרעטען אַלס גרויסע שונאים פון אידישען פאָלק אַרויס. און אויך אין דעם מאָמענט אפילו, ווען זיי באַנעהען די רשעות זייערע געגען די אידען.

„ווען די מצרים" — ווערט דערצעהלט אין סנהדרין, ל"ט, ב׳ — „האָבען זיך אָנגעהויבען טרינקען אין ים, נאָכיאָגענדיג די אידען, וועלכע זענען אין איהם, ווי איבער דער יבשה געגאַנגען, האָבען די מלאכים געוואָלט דאָן שירה זינגען פאַר קודשא בריך הוא".

זיי האָבען געוואָלט אַ לויב געזאַנג צום רבונא של עולם זינגען פאַר דעם עונש, וואָס די מצרים האָבען באַקומען, פאַר דער נקמה, וואָס די אידען האָבען איצט געזעהן אין זיי.

דער רבונא של עולם האָט זיי אָבער ניט געלאָזט זייער שירה זינגען. ער האָט געזאָגט צו זיי: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה" — „די ווערק פון מיינע הענט ווערען אין ים דערטרונקען און איהר ווילט נאָר שירה זינגען".

און אין אַן אַנדער פּלאַץ אין תלמוד — אין ראש השנה, ל"ב, ב׳ — ווערט דערצעהלט, אַז די מלאכים האָבען פאַר קודשא בריך הוא געזאָגט: „רבונא של עולם, פאַר וואָס זאָגען די אידען קיין שירה *) ניט פאַר דיר אום ראש השנה און יום כפור?" האָט ער צו זיי געזאָגט: „ווי קען עס דען מעגליך זיין, זיי זאָלען שירה זאָגען אין די טעג, ווען

*) הלל. און זעה אין פירוש רבנו חננאל דאָרטען.

דער קעניג זעצט זיך אויף דעם ריכטער שטול, ער זאָל די גאַנצע וועלט משפטן, אין די טעג, ווען די ביכער פון לעבן און די ביכער פון טויט זענען אָפען פאַר איהם, ער זאָל זיין גזר־דין פאַר יעדען איינעם אַרויסגעבען?"

און ניט נאָר דעם מענשען אַליין, וועלכער איז די קרוין פון דער גאַנצער יצירה, וואָס אונטער זיין ממשלה האָט ער די גאַנצע וועלט געשטעלט; ניט נאָר דעם מענשען אַליין דערגרייכט דער רחמנות זיינער, נאָר אויך אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען. פון די גרעסטע ביז די קלענסטע זענען די אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען אויף זיין חסד אנגעוויזען.

„ורחמיו על כל מעשיו" — תהלים, קמ"ה — אויף אַלע זיינע ווערק רוהט דער חסד זיינער.

און אין מדרש תנחומא, נח, ז׳, ווערט געזאָגט: „מענשען נעהמען מיט זיך אין שיף בהמות מיט. דערוויי׳ל ווערט אַ שטורם־ווינט אין מיטען ים. וואָס זשע טהוען זיי? וואַרפען זיי די בהמות אין ים אַריין, כדי די מענשען צו ראַעטעווען, ווארים מען פיהלט קיין רחמנות ניט צו דער בהמה, ווי צו דעם מענשען. גאָט ברוך הוא איז אָבער ניט אַזוי. אַזוי ווי עס דערגרייכט דעם מענשען דער רחמנות זיינער, אַזוי דערגרייכט ער אויך די בהמות".

„און דעריבער" — זאָגט דער מדרש רבה אין דברים, פרשה ו׳ — האָט ער געזאָגט: — „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד" — ויקרא, כ"ב — איהר זאָלט די קוה און דאָס קאַלב איהרס אין איין טאָג ניט קוילען *).

*) די באַהויפטונג, וואָס געפינט זיך אין דער תלמודי־שער ליטעראַטור — אַמפּולסטען ווערט זי אויסגעדריקט, ווי עס איז אָנגענומען צו דענקען, אין דעם מאמר פון דער משנה, אין ברכות, ל"ג: „האומר על קן צפור... משתקין אותו" — אַז „אין

טעם למצוות", „דאָרטען, וואו די תורה אַליין — „חדושי אגדות" דאָרטען — גיט אויף דער מצוה, וואָס זי שרייבט פאָר, קיין טעם ניט" אָן, אַז אפילו דאָרטען, ווי עס זעהט אויס, אַז די פאָר־געשריבענע מצוות פון דער תורה זענען מחמת דעם, ווייל די תורה וויל, אַז מיר זאָלען רחמנות האָבען אויף בעלי חיים, „זענען אין אמתען די דאָזיגע מצוות ניט רחמים, נאָר גזירות" — האָט ניט די הסכמה פון די אַלע חז"ל. עס געפינען זיך ביי זיי פיעלע מאמרים, וואָס זענען געגען איהר. מען באַדאַרף זיי דעריבער באַטראַכטען אַלס די מכריעים בדבר. „ואל תשיב עלי — שרייבט דער רמב"ם אין מורה נבוכים — ממאמר החכמים: „האומר על קן צפור יגיעו רחמיך". כי זו אחת משתי סברות, סברת מי שיראה, כי אין טעם למצות, אלא חפץ הבורא. ואנחנו מחזיקים בסברא השניה, שיהיה בכל המצוות טעם".

אויך דער רמב"ן אין דברים כ"ב, ו', האַלט, אַז „יש טעם למצוות". ער געהט נאָך ווייטער. ער האַלט, אַז עס זענען גאָר קיין צוויי סברות ניט פאַרהאַן ביי די חז"ל, נאָר איין סברא, די סברא וואָס דער רמב"ם באַצייכענט אַלס די צווייטע. ער האַלט, אַז עס איז אין ערגעץ ביי די חז"ל גאָר קיין סתירה ניט פאַרהאַן צו דער סברא, אַז „יש טעם למצוות". ער האַלט אָבער, אַז דער טעם פון „אותו ואת בנו", ווי אויך „שלוח הקן" איז ניט רחמנות צו די בעלי חיים, נאָר אָפּצוגעוואוינען אונז פון אכזריותדיגע טהאַטען. אַלס ראיה — די דאָזיגע ראיה איז דעם רמב"מס — אַז די תורה האָט מיט דעם ענין פון „אותו ואת בנו" און „שלוח הקן" ניט געמיינט רחמנות צו די בעלי חיים" — ברענגט ער דאָס, וואָס זי האָט אונז מתיר געמאַכט שחיטת בהמות ועופות.

און אויף אַזאַ אופן וויל ער ברענגען אין האַרמאָניע דעם מאמר פון „האומר על קן צפור" און עהנליכע צו איהם מאמרים מיט דעם ענין פון „יש טעם למצוות". דעם ענין פון „מפני

שעושת מדותיו של הקב"ה רחמים" אין דעם מאמר פון דער גמרא אויף דער משנה „האומר על קן צפור": „מפני שעושה מדותיו של הקב"ה רחמים, ואינן אלא גזירות" — טייטש ער: רחמים לבעלי חיים, ווי מיר האָבען אויבען ערקלעהרט. און דאָס וואָרט גזירות, זאָגט ער, מיינט ניט איראַציאָנאַלע באַפעהלען, באַפעהלען וואָס לאָזען זיך ניט ערקלעהרען, נאָר פשוט, באַפעהלען, מצוות. ושיעור המאמר „מפני שעושה מדותיו של הקב"ה רחמים, ואינן אלא גזירות" הוא כך: ווייל ער מאַכט דעם ענין פון „שלות הקן" פאַר אַן ענין פון רחמנות לבעלי חיים, ווען אין אמתן איז ער גלאַט אַזוי אַ מצוה, אַ מצוה, וואָס האָט גאָר אַן אַנדער טעם, דעם טעם פון דערוויטערען אונז פון אכזריות.

פון די אַלע שטעלען אָבער, וואָס איך האָב אויבען אין טעקסט געבראַכט, איז קלאָר, אַז די באַהויפּטונג זיינע איז ניט אַנגעהמבאָר, אַז גערעכט איז דער רמב"ם *), וואָס גיט אַן דעם טעם פון רחמנות לבעלי חיים פאַר די אויבענדערמאָנטע מצוות. עס באַדאַרף אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז וואָס אָנבאַלאַגט די סייגים, די הרחקות מן העבירה, וואָס געפינען זיך אַרום די דאָזיגע מצוות, באַדאַרפען זיי לויט דעם רמב"ם אויך ערקלעהרט ווערען מיט דעם מאָטיוו פון וועלען דערווייטערען אונז פון יעדען טהאָט, וואָס דער אינהאַלט זיינער איז אַן און פאַר זיך פון אכזריותדיגען כאַראַקטער.

און דעם ענין פון „צער בעלי חיים" ביי „אותו ואת בנו" ערקלעהרט דער רמב"ם אויף פאָלגענדען אופן: „כדי להזהר שלא ישחוט הבן בעיני האם, כי יש לבהמות דאגה גדולה בזה. ואין

---

*) און אַזוי זאָגט אויך דער קליר אין דער קדושה זיינע, וואָס מיר זאָגען ביום ב׳ של פסח. און זעה תוספות מגילה כ"ח, און דעם מהרש"א אויף דעם דאָזיגען תוספות. און זעה אויך דעם רא"ש ברכות, פרק „אין עומדין", דף ל"ד.

הפרש בין דאגת האדם לדאגות הבהמה על בניהם, כי אהבת האם וחנותה לבני בטנה איננו נמשך אחרי השכל והדבור, אבל הוא מפעולת כח המחשבה, המצויה בבהמות, כאשר היא מצויה באדם".

און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געשריבן, איז אינטערעסאַנט צו ברענגען וואָס דער רמב"ם זאָגט אין פירוש המשניות זיינעם אויף דער משנה „האומר על קן צפור יגיעו רחמיך": „שיאמר: „כמו שחמלת על קן צפור ואמרת „לא תקח האם על בנים", כן רחם עלינו". וכל מי שאומר כן בתפילתו משתקין אותו, מפני שהוא תולה טעם זאת המצוה בחמלת הקדוש ברוך הוא על העוף, ואין הדבר כן, שאילו היה מדרך רחמנות, לא צוה לשחוט חיה או עוף כלל, אבל היא מצוה מקובלת אין לה טעם", און דעם זעלבען פירוש גיט ער אויך אין מגילה כ"ה, וואו די זעלבע משנה געפינט זיך.

ווי דער לעזער זעהט, ערקלעהרט דאָ אַלעס דער רמב"ם נאָר אליבא דסברא ראשונה, אַז „אין טעם למצוות". ניט נאָר דער־צעהלט ער דאָ ניט, אַז זיין מיינונג איז, אַז דער טעם פון „שלוח הקן" איז טאַקע אָט דער טעם, וואָס ער פאַרוואַרפט דאָ אין פירוש זיינעם, דער טעם פון חמלת הקדוש ברוך הוא על העוף; ניט נאָר דערצעהלט ער אונז דאָ ניט, אַז ער האַלט נאָר די צווייטע סברא אַלס די ריכטיגע, נאָר ער דערמאָנט אפילו גאָר אינגאַנצען ניט, אַז עס איז בכלל נאָך אַ צווייטע סברא פאַרהאַן. עס באַדאַרף אָבער באַמערקט ווערען, אַז דער רמב"ם האָט געשריבען דעם פירוש המשניות זיינעם אַ סך פריהער פאַר דעם מורה נבוכים. ער האָט איהם אויך אַ סך פריהער — מיט אַרום צוועלף יאָהר פריהער — געשרי־בען, ווי ער האָט דעם „יד החזקה" געשריבען.

---

ובנוגע לעיקר הענין, איך מיין, בנוגע דער משנה: „האומר על קן צפור... משתקין אותו" — שיינט מיר, אַז מען קען זאָגען, אַז דער טעם איז ניט „מפני שעושה מדותיו של הקב"ה רחמים,

ואינן אלא גזירות", נאָר מחמת חשש אמונה בשתי רשויות. מען קען זאָגען, אַז דער סוף המשנה איז מוכיח על כלה. אַזוי ווי דער „מודים, מודים" איז מחמת אמונה בשתי רשויות, אַזוי איז אויך דער „האומר על קן צפור יגיעו רחמיך" און דער „ועל הטוב יזכר שמך" מחמת חשד של אמונה בשתי רשויות. די אַלע דריי ענינים פון דער משנה זענען פון איין קאַטעגאָריע. מחמת דעם זעלבען טעם, וואָס מען איז פאַר „מודים, מודים" משתק, איז מען אויך פאַר „האומר על קן צפור יגיעו רחמיך" און פאַר „ועל הטוב יזכר שמך" משתק. ביי „מודים, מודים" איז דאָ דער חשד פון שתי רשויות דורך דעם, וואָס ער זאָגט צוויי מאָל דאָס וואָרט „מודים", זעהט עס אויס, ווי ער זאָל האָבען אין זינען צוויי באַזונדערע געטער. אין דעם „על קן צפור יגיעו רחמיך" איז דאָ דער חשד פון אמונה בשתי רשויות דורך דעם, וואָס דורך די דאָזיגע ווערטער ווערט אונטערגעשטראָכען אין אַ צופיעל דעטאַליזירטער פאָרם די מדה פון רחמים פון רבונא של עולם, גליך, ווי ער וואָלט נאָר כלו רחמים געווען. דורך דער דאָזיגער אונטערשטרייכונג קען דערוועקט ווערען אַ חשד, אַז דער מתפלל מיינט טאַקע צו זאָגען, אַז דער גאָט, צו וועלכען ער ווענדעט זיך איצט, מיט דער תפלה זיינער, איז דורכאויס רחמים בלויז. וואָרים ער גלויבט דער מתפלל אין שתי רשויות, אַז עס זענען צוויי באַזונדערע געטער פאַרהאַן, איין גאָט, וואָס איז כלו רע, און אַ גאָט, וואָס איז כלו טוב, וואָס אומעטום, וואו די שפע פון גוטס געפינט זיך, ווערט זי נאָר פון איהם פאַראורזאַכט.

און ביים „ועל הטוב יזכר שמך" איז דער חשד פון „אמונה בשתי רשויות" דורך דעם, וואָס דער מתפלל טיילט אויס נאָר דאָס גוטע צו דערמאָנען עס אין צוזאַמענהאַנג מיט גאָטס נאָמען. דורך דער דאָזיגער אויסטיילונג קען מען אויסטייטשען די ווערטער „ועל הטוב יזכר שמך" נאָר אויף דעם טוב. מען קען איהם חושד זיין, אַז ער גלויבט אין „שתי רשויות", אַז ער מיינט

„און ווי ער איז פול מיט רחמנות געווען צו דער בהמה, אזוי האט ער אויך פיעל רחמנות געהאט פאר די עופות״.

„און דעריבער האט ער אויך אנגעזאגט, אז ווען איינער טרעפט אן אויף א נעסט פון א פויגעל טאר ער ניט די מוטער צוזאמען מיט די קינדער צונעהמען. ער מעג נאר די קינדער אליין פאר זיך נעהמען. די מוטער אבער דארף ער אוועקשיקען״.

ווארים עס איז א גרויס אכזריות די מוטער צוזאמען מיט די קינדער פארנעהמען

---

מיט די דאזיגע ווערטער צו זאגען: „איך וועגדע זיך מיט מיין תפלה צום גאט, וואס נאר גוטס ווערט פון איהם פאראורזאכט״.

און עס באדארף נאך דא אויך באמערקט ווערען, אז אין דער גמרא אליין איז דא נאך אן ערקלעהרונג אויף דער משנה, א חוץ דער ערקלעהרונג פון „ואינן אלא גזירות״. אט די אנדערע ערקלעהרונג קומט דארט צום ערשטען, און רבי יוסף בר אבין איז דער „מאן דאמר״ איהרער. ער ערקלערט דעם „משתקין״ פאר זאגען „על קן צפור יגיעו רחמיך״ — „מפני שמטיל קנאה במעשי בראשית״. דערמיט וואס ער דערמאנט נאר דעם קן צפור, ווען ער רעדט פון גאטס רחמנות, קומט אויס, אז גאטס גרויסער רחמים איז ניט איבער די אלע בעלי חיים פארשפרייט.

און עס איז באמת שווער צו פארשטעהן, פאר וואס עס האט באדארפט אויסקומען ביי די מעהרסטע מפרשים, אז מען מוז דוקא די ערקלעהרונג פון דעם בר פלוגתא פון רבי יוסי בן אבין אננעהמען, די ערקלעהרונג פון רבי יוסי בר זבידא, אז דערפאר איז מען משתק דעם, וואס זאגט „על קן צפור יגיעו רחמיך״, ווייל ער מאכט את מדותיו של הקב״ה רחמים, ווען אין אמתן זענען זיי נאר גזירות.

„און דערפאַר האָט גאָט געהייסען, אַז מילה זאָל אויף דעם אַכטען טאָג זיין, כדי דאָס קינד זאָל אַביסעל כחות אַנקלייבען, ער זאָל קענען דעם וועהטאָג איבערטראָגען".

---

און דערפאַר, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז דאָס אויס־דערוועהלטע פאָלק פון גאָט, האָט עס אויף זיך אויך מעהר פליכטען פון אַנדערע פעלקער.

„ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם" — דברים, ד׳ — און איהר באַהעפט זיך אין גאָט אייער גאָט.

„לאהבה את ה׳ אלהיכם, ללכת בכל דרכיו ולדבקה בו" — דברים, י״א — צו ליעבען גאָט אייער גאָט, צו געהן אין אַלע זיינע וועגען און באַהעפטען זיך אין איהם.

„אחרי ה׳ אלהיכם תלכו.. ובו תדבקון" — דברים, י״ג — נאָך גאָט אייער גאָט זאָלט איהר נאָכגעהן און אין איהם זאָלט איהר זיך באַהעפטען.

טייטשען די חז״ל — סוטה, י״ד; שבת, קל״ג — אויף פאָלגענדען אופן איין די דאָזיגע פסוקים: „הדבק במדותיו. מה הוא רחום, אף אתה רחום, מה הוא חנון, אף אתה חנון" — באַהעפט זיך אין זיינע מדות. אַזוי ווי ער איז אַ רחום, אַזוי זאָלסטו אויך אַ רחום זיין. אַזוי ווי ער איז אַ חנון, אַזוי זאָלסטו אויך אַ חנון זיין. אַזוי ווי זיין רחמנות דערגרייכט די אַלע מעשים זיינע *), אַזוי זאָל אויך דיין רחמנות יעדען איינעם דערגרייכען.

און דער בעסטער סימן — זאָגט דער תלמוד — דורך וועלכען מען קען אַ אידען דערקענען, איז דאָס רחמנות גע־פיהל זיינס. דער וואָס איז — ווערט אין ביצה, ל״ב, געזאָגט —

---

*) זעה רש״י אויף די לעצטע צוויי פסוקים און דעם רמב״ם אין הלכות דעות, פרק א׳, הלכה ו׳.

א מרחם על הבריות, דער, וואס האט אויף מענשען רחמנות, איז א סימן, אז ער איז פון אברהם אבינוס אפשטאמונג, און דער, וואס איז זיך ניט מרחם על הבריות, איז א סימן, אז ער איז ניט מזרעו של אברהם אבינו.

כל מי שהוא אכזרי — זאגט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק ו' — ואינו מרחם, יש לחוש ליחוסו — יעדער איינער, וואס איז אן אכזר און האט אין זיך קיין רחמנות ניט, באדארף מען מורא האבען פאר דעם יחוס זיינעם.

א איד אן אכזר, הייסט עס — פאלט אויף איהם דער חשד, אז ער איז גאר אינגאנצען קיין איד ניט, אז ער שטאמט גאר אינגאנצען ניט פון דער אידישער ראסע.

אמת, די מדה פון רחמנות פארשאפט יסורים פיעל און צער גרויסען צו דעם, וואס פארמאגט זי. צווישען די דריי מענשען, וואס די גמרא זאגט — פסחים, קי"ג — אויף זיי, אז זייער לעבען איז קיין לעבען ניט, ווערט אויך דער בעל רחמים פאררעכענט. און ווידער זאגען זיי—אין בבא בתרא, קמ"ה— „דאס וואס שלמה המלך האט געזאגט — משלי, ט"ו : — „כל ימי עני רעים" — די אלע טעג פון אומגליקליכען זענען שלעכטע — געהט עס אויף דעם, וואס איז א בעל רחמנות א גרויסער" *).

ווארים עס איז ווירקליך שווער דעם בעל רחמים אויף גאטס וועלט צו לעבען. זיין הארץ רופט זיך אויף אלע

*) רבי יוחנן אמר — לייענט זיך דארטען דער מאמר — „כל ימי עני רעים" — „זה רחמן". „וטוב לב משתה תמיד" — זה אכזרי". אויף „זה רחמן" מאכט דעם רשב"ם : „כמה ענינים הוא רואה וכמה מאורעות, שלבו בוכה תדיר עליהם". און דער ב"ח איז מגיה „כמה עניים". די הגהה איז אבער כלל ניט נויטיג.

לײדען אַפּ. יעדער פרעמדער צער, אויף וועלכען ער שטויסט זיך אָן, ווערט אויך זײן אײגענער צער. דאָס זענען אָבער אַזעלכע יסורים, פון וועלכע דער מענש טאָר ניט זוכען צו באַפרײען זיך, אויב ער וויל ניט, אַז גאָט זאָל זיך אויך פון זײן רחמנות צו איהם באַפרײען. וואָרים „דער, וואָס האָט אויף מענשען רחמנות" — שבת, קנ"א — „האָט מען אויך אויף איהם פון הימעל רחמנות. און דער, וואָס האָט ניט אויף יענעם קײן רחמנות, טהוט דער הימעל אויך פון איהם זײן רחמנות אָפּ".

און דער „זוהר" זאָגט, אַז דערפאַר האָט גאָט גוזר געווען אויף אַברהמען, ער זאָל יצחקן צו דער עקידה פיהרען — דער־פאַר, וואָס ער האָט אײנמאָל צו אַן אָרימאַן קײן רחמנות ניט אַרויסגעוויזען.

די זאַך איז אויף פאָלגענדען אופן פאָרגעקומען:

ווען אַברהם — ווערט דערצעהלט אין דער הקדמה פון זוהר, י"י"א — האָט אַנטוואויגט יצחקן, האָט ער אַ גרויסע סעודה געמאַכט, אויף וועלכער ער האָט די אַלע גדולים פון דער וועלט אײנגעלאַדען. האָט זיך דער שטן פאַר אַן אָרימאַן פאַרשטעלט און האָט זיך בײ דער טיר אָוועקגעשטעלט.

עס האָט זיך אָבער קײנער אויף איהם ניט אומגעקוקט. אַברהם איז געווען פאַרנומען כבוד אָפּצוגעבען די אַלע גדולים פון דער וועלט, וואָס זענען צו זײן סעודה געקומען. שרה, ווידער, האָט געגעבען זויגען זײערע אַלעמענס קינדער. וואָרים זײ האָבען ניט געגלויבט, אַז זי האָט ווירקליך צו נײנציג יאָהר אַ קינד געבאָרען. זײ האָבען געזאָגט, אַז מען האָט איהם פון גאַס אויפגעקליבען. דעריבער האָבען זײ זײערע קלײנע קינדער געבראַכט מיט זיך, און שרה האָט זײ געגע־בען זויגען פאַר זײערע אויגען.

איז דער שטן מקטרג געשטאַנען אַזוי אַ לאַנגע צייט ביי דער טיר און געוואַרט, עס זאָל זיך אויף איהם עמיצער אומקוקען. עס האָט זיך אָבער נאָר אַלץ ניט אויף איהם אומגעקוקט קיינער.

איז ער צוריק אין הימעל געגאַנגען און צו גאָט געזאָגט: „האַר פון דער וועלט: דיין אַברהם, וועמען דו האָסט אַזוי ליעב, האָט געמאַכט אַ סעודה און האָט דיר גאָר ניט גע־נעבען און האָט אויך צו די אָרימע לייט גאָר ניט געגעבען. איך בין אַזאַ לאַנגע צייט, פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן, ביים טיר געשטאַנען, און קיינער איז צו מיר אפילו ניט צוגע־גאַנגען".

האָט קודשא בריך הוא באַפוילען מקריב צו זיין יצחקן פאַר אַ קרבן און עס איז נגזר געוואָרען אויף שרהן, זי זאָל שטאַרבען איבער דעם צער וועגען איהר זוהן.

אַט אַזוי פיעל צער האָט גורם געווען דאָס, וואָס אַברהם אבינו האָט אויף אַן אָרימאַן קיין רחמנות ניט געהאַט.

.2

און דער רחמנות פון מענשען דאַרף דערגרייכען ניט נאָר די, וואָס טהוען אין גאָטס וועגען געהן, נאָר אויך די רשעים, די זינדיגע.

„אַזוי ווי גאָט מאַכט דאָס ליכט פון דער זון זיינער אויף אַלע מענשען גלייך שיינען, אויף די גוטע ווי אויף די שלעכ־טע", אַזוי באַדאַרפען מיר אויך אונזער רחמנות אויף אַלע מענשען אַנווענדען.

„גאָט טוט שטראָפען די צדיקים דערפאַר — מכות, י"א — וואָס זיי בעטען ניט קיין רחמים פון איהם פאַר דעם פאַר־זינדיגטען דור, אין וועלכען זיי לעבען".

אויף א מרחק פון דריי מייל פון דעם אָרט, וואו רבי יהושע בן לוי האָט געוואוינט — ווערט דאָרט דערציילט — האָט אַ לייב אויפגעגעסן אַ מאַן. האָט מיט איהם אליהו דריי טעג ניט גערעדט.

רבי מאיר — דערציילט אונז די גמרא אין ברכות י׳ — האָט געליטען פיעל פון אייניגע שכנים זיינע, וואָס זענען מינים געווען. ווען זיי פלעגען איהם נאָר דערזעהן, פלעגען זיי צושטעהן צו איהם מיט צו־להכעיס רייד. זיי פלעגען ווען שטענדיג מיט איהם וכוחים פאַרפיהרען אין די ענינים פון אמונה. און ווען רבי מאיר האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען פון זיי, האָט ער אויף זיי דעם טויט געבעטען, זיי זאָלען שטאַרבען, כדי ער זאָל זיך פון די יסורים, וואָס זיי פאַרשאַפען איהם, באַפרייען *).

ווען אָבער די פרוי זיינע, ברורית **), וועלכע איז אליין אויך אַ גרויסע למדנית געווען, איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט זי איהם שטרענג אויסגעשטראָפט דערפאַר און געזאָגט צו איהם: עס שטעהט געשריבען „יתמו חטאים מן הארץ“, עס זאָלען די זינד פון דער וועלט פאַרשווינדען. עס שטעהט אָבער ניט „יתמו חוטאים“, עס זאָלען די זינדיגער פאַרשווינדען. אפילו אויף רשעים טאָר מען אויך דעם טויט ניט בעטען ***).

---

*) אין דעם דאָזיגען פּאַראַגראַף איז אָביסעל פון דעם ענין „מיטב השיר כזבו“ — פאַרהאַן. אין דער גמרא ווערט דער ענין איינפאַכער דערציילט.

**) זי איז געווען די טאָכטער פון רבי חנינא בן תרדיון, איינער פון די „עשרה הרוגי מלכות“.

***) זעה דעם זעלבען עמוד אין ברכות: „במפלתן של רשעים“ און זעה דעם מהרש״א אויף דער פריהעריגער שטעלע.

און ניט נאר אויף די רשעים פון אידישען פאלק טאר מען קיין אכזר ניט זיין, נאר אויך אויף די רשעים פון אנדערע פעלקער.

„מפרנסין ומכסין עניי עכו"ם עם עניי ישראל" *) איז דער אידישער דין. די אידישע קהלה באדארף די ארימע לייט פון געצענדינער, וואס געפינען זיך אין שטאט צוזאמען מיט די אידישע ארימע לייט שפייזען און קליידען.

און דער נביא יונה — ווערט אין יונה א׳ דערצעהלט — האט שיער ניט מיט זיין לעבען באצאהלט דערפאר, וואס ער איז ניט געגאנגען אויפפאדערען די איינוואוינער פון נינוה, די הויפט־שטאדט פון אשור, זיי זאלען אויף זייערע זינד תשובה טאן. און ווען ער האט אויף זיך דעם טויט געבעטען, נאכדעם, ווי עס איז פארטריקענט געווארען די גרויסע קיר־ביס־פלאנצונג, אונטער וועלכער ער האט זיך פון דער זון געשיצט, האט צו איהם גאט געזאגט: „דו באדויערסט דעם קירביס, וואס דו האסט גאר ניט געארבייט אויף איהם, וואס ניט דו האסט איהם וואקסען געמאכט, וואס האט א לעבען פון נאר איין נאכט געלעבט — און איך זאל ניט רחמנות האבען אויף נינוה דער גרויסער שטאט, וואס עס געפינט זיך אין איהר מעהר, ווי הונדערט צוואנציג טויזענד מענשען?"

און אזוי ווי גאט האט אויף אלע לעבעדיגע באשעפעני־שען רחמנות — אזוי באדארפען מיר אויף אלע לעבעדיגע באשעפענישען רחמנות האבען.

---

*) אזוי ווערט פארמולירט דער דין אין רמב"ם, הלכות מתנות עניים, פרק שביעי. דער מקור פון דין איז אין גיטין, ס"א. דארט געפינט זיך אבער ניט דאסווארט „ומכסין". לדינא איז דאס קיין נפקא מינה ניט.

צער בעלי חיים — ווערט דער דין געפסקענט — בבא מציעא, ל"ב — איז מן התורה. עס איז פון דער תורה פאר־זאגט, מען זאל אויף די שטומע צינגער רחמנות האבן. „עס איז א גוטער סימן — זאגן די אלטע חכמים אונזערע אין ספרי, עקב, נ"ג — פאר דעם מענשן, אז די בהמה זיינע עסט צו זאט ביי איהם". „א מענש טאר קיין בהמה, חיה אדער עוף צו זיך אין שטוב ניט אריינגעהמען — ירושלמי, יבמות, פט"ו, ג' — סיידען ער האט פאר זיי מזונות אנגע־גרייט". „דער מענש טאר ניט טועם זיין גארניט אין דער פריה — גטין ס"ב — ביז ער גיט פריהער ניט דער בהמה זיינער צו עסען" *), ווארים א שטומער צונג איז זי דאך. זי קען ווענען איהר נויט ניט דערצעהלען. עס קען זיין, אז זי ליידט הונגער שטארקען. מיר דארפען זיך איילען דעריבער וואס פריהער איהרע באדערפעניששען אנטקעגען צו קומען.

און אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענין פון צער בעלי חיים ווערט אין בבא מציעא, פ"ה — דאס פאלגענדע שעהנע מעשהלע דערצעהלט וועגען דעם גרויסען תנא רבי, וועלכער האט דעם משניות צוזאמענגעשטעלט, וועלכער ווערט אויך רבנו הקדוש, אונזער הייליגער רבי, גערופען; וועגען דעם דאזיגען גרויסען תנא, וועלכער איז דער נשיא פון די אי־דען געווען:

---

*) אסור לו לאדם שיטעום כלום עד שיתן מאכל לבהמתו, שנאמר: „ונתתי עשב בשדך לבהמתך". והדר: „ואכלת ושבעת". און אין ספר חסידים — תקל"א: — „לענין צמאון אדם ובהמה — יתנו לאדם תחלה, אח"כ לבהמה, דכתיב — בראשית, כ"ד: — ותאמר אליו: „שתה וגם לגמליך אשאב". וכתיב — במדבר, חוקת: — „והשקית את העדה ואת בעירם", העדה תחלה — ואח"כ את בעירם".

„איינמאָל איז ער געגאַנגען אין גאַס, און אַנטקעגען איהם איז אַ קצב געגאַנגען, וואָס האָט מיט זיך אַ קעלבעל צו דער שחיטה געפיהרט. האָט זיך דאָס קעלבעל פון קצב אַרויסגעריסען און איז צו רבין צוגעלאָפען. דאָס קעלבעל האָט זיך געטוליעט צו איהם, באַהאַלטענדיג זיין קאָפּ אונ־טער די פּאָלעס זיינע. רבי האָט אָבער פון זיך דאָס קעלבעל אָפּגעשטויסען און געזאָגט צו איהם: „גער, גער, כי לכך נוצרת — וואָרים דערויף ביזטו באַשאַפען געוואָרען".

„האָבען זיי עס באַלד דאָרטען, אויף דעם הימעל, אויפ־געכאַפּט און געזאָגט:

„דערפאַר, וואָס ער ווייסט פון קיין רחמנות ניט, זאָלען אויף איהם יסורים קומען".

און ער האָט צוועלף יאָהר שרעקליכע יסורים געליטען. ער איז פון די יסורים זיינע באַפרייט געוואָרען ערשט דאַן, ווען ער האָט אין אַנדער פאַל גרויס רחמנות צו בעלי חיים אַרויסגעוויזען.

איינמאָל האָט די דיענסט זיינע *) דאָס הויז געקעהרט. האָט זי קעהרענדיג דערזעהן קליינע מייזעלאַך. האָט זי אָנגעהויבען אויסצוהרגענען זיי. האָט רבי, וואָס האָט דאָס אַלעס צוגעזעהן, זיך אָנגערופען צו איהר: „לאָז זיי אָפּ. „און זיין רחמנות איז אויף אַלע באַשעפענישען" — שטעהט געשריבען".

און אין דעם מאָמענט זענען פון איהם אַלע זיינע יסורים אָפּגעטאָן געוואָרען.

אין אין „ספר חסידים", תר"ע, ווערט געזאָגט, אַז אַ הונט, וואָס בייסט ניט, דאַרף מען מיט אַ דינער רוט, אויב מען וויל

---

*) אין מדרש רבה, נח: „זיין טאָכטער". נאָך אַנדערע קליינע שנויים געפינען זיך דאָרט.

איהם אין הויז ניט האבען פארטרייבען. מען טאר אבער ניט אפגיסען איהם מיט הייסע וואסער אדער פארטרייבען איהם מיט א גראבען שטעקען.

3.

און אויב רחמנות איז א מידה, וואס דארף פאר זיך א נעסט אין הארצען פון יעדען אידען געפינען, באדארף זי נאך מעהר בולט זיך אנזעהן ביי דעם אידישען מנהיג, ביי דעם אידישען פיהרער. דער נסיון איז זעהר גרויס. דער מנהיג האט פיעלע מעגליכקייטען אייגענע פניות צו באפרידיגען, ער איז אויסגעשטעלט צו דער געפאהר, די מאכט, וואס איז איהם איבער מענשען געגעבען געווארען, זאל קיין שלעכטע ווענדונג ניט אננעהמען. דער פיהרער דארף זיך דעריבער די גרעסטע אנשטרענגונג געבען, צו געדענקען שטענדיג, אז די פיהרערשאפט איז א זאך, וואס לעגט אויף איהם גרויסע פליכטען ארויף, ניט קיין מיטעל, דורך וועלכען ער זאל פאר זיך ספעציעלע פריווילעגיעם איינשאפען. דער פאלקס-פיהרער דארף זיך אלס קנעכט פון פאלק באטראכטען, וואס דארף שטענדיג אויף דער וואך זיך געפינען, פאר זייערע אינטערעסען צו זארגען, אבער ניט אלס אויבערהאר איבער איהם, דורך וועלכען ער זאל כבוד, רייכטום ערווערבען.

„ווען משה רבנו האט געפאשעט די שאף פון יתרו זיין שווער אין דער מדבר — ווערט אין מדרש שמות רבה, פרשה ב׳ דערצעהלט — האט זיך א קליין יונג ציגעלע אפגעטיילט פון דער סטאדע, און האט איבער דער מדבר אנגעהויבען צו לויפען. האט משה נאכגעיאגט דאס ציגעלע. ער האט עס אבער ניט געקענט אניאגען. דאס ציגעלע האט געהאלטען אין איין לויפען און האט זיך ניט געוואלט אפשטעלען. עס האט זיך אפגעשטעלט ערשט דאן, ווען עס איז נעבען א

קליינעם וואסער־שטראם פארבייגעלאפען. דאס ציגעלע איז דאן צום וואסער צוגעפאלען און דארשטיג געטרונקען פון דעם.

„ווען משה האט דאס דערזעהן האט איהם ביים הארצען פארנומען אויף דעם ציגעלע און ער האט עס געגלעט און געצערטעלט און געזאגט צו דעם: „איך האב ניט געוואוסט, אז דו ביזט פאר דארשט געלאפען. האסט זיך דאך אזוי איינגעמאטערט לויפענדיג".

„און ער האט דאס ציגעלע אויף די אקסעל גענומען און צו דער סטאדע עס צוגעטראגען.

„ווען גאט האט דאס דערזעהן, האט ער זיך אנגערופען:

„אזוי פיעל ליעבע פארמאגסטו פאר די שאף פון א בשר ודם, ביי דיין לעבען שווער איך, אז דו וועסט אויך דער פאסטוך פון מיינע שאף זיין. דו וועסט דער פאסטוך פון מיין פאלק ישראל זיין".

און אין אן אנדער ארט ווערט געזאגט:

„צו וועמען איז משה רבנו געגליכען? צו א געטרייען פאסטוך, ביי וועמען עס איז דער פארקען, וואס רינגעלט ארום די סטאדען פון זיינע שאף איינגעפאלען, ווען עס האט שוין אנגעהויבען פינסטער ווערען, האט ער אויף גיך די סטאדע פון איהרע דריי זייטען ארומגעצוימט. פאר דעם ארומצוימען אבער פון דער פערטער זייט איז איהם שוין קיין צייט ניט געבליבען. האט ער זיך אליין אוועקגעשטעלט, די אפענע זייט צו פארשטעלען. איז א לייב געקומען — האט ער זיך איהם אנטקעגענגעשטעלט; נאכדעם איז א וואלף געקומען — האט ער זיך אויך איהם אנטקעגען געשטעלט".

„אזוי איז אויך משה רבנו געווען. יעדעס מאל, ווען גאט האט געוואלט דעם גאנצען צארן זיינעם אויף דעם אי־דישען פאלק אויסגיסען, ווען ער האט געוואלט די אידען

פארלענדען, האט זיך איהם משה אנטקעגענגעשטעלט. ער איז גרייט געוועזן מיט זיין טויט זייערע זינד אויסקויפען".

און נאך אין איין ארט — אין דברים רבה, סדר „כי תבוא" — ווערט נאך פאלגענדעס דערצעהלט וועגען משהן:

„משה רבנו האט געוואלט קיין ארץ־ישראל אריינקומען. ער האט געזאגט: איך וויל דורכגעהן און זעהן דאס גוטע לאנד.

„האט צו איהם קודשא בריך הוא געזאגט: משה, דו האסט בטל געמאכט, דאס וואס איך האב געזאגט, און גע־לאזט בלייבען דאס, וואס דו האסט געזאגט. איך האב גע־זאגט: „איך וועל זיי פארטיליגען". און דו האסט געזאגט: „פארגיב זיי". און געבליבען איז, ווי דו האסט געזאגט. איצט אבער וויל איך, אז עס זאל בלייבען, ווי איך האב געזאגט, אז דו זאלסט קיין ארץ־ישראל ניט קומען, און עס זאל דיין ווארט „איך וויל דורכגעהן" בטל ווערען. דו ווילסט דעם שטריק בייביידע עקען האלטען. איך וויל עס אבער ניט. אויב דו ווילסט, אז עס זאל דיין „אעברה נא" — אין לאנד קומען — מקויים ווערען, זיי דעם „סלח נא" — פארגיב נאר — דיינעם מבטל. און אויב דו ווילסט, אז דיין „סלח נא" זאל מקויים ווערען, זיי מבטל דעם „אעברה נא".

„און אז משה רבנו האט דאס דערהערט, האט ער גע־זאגט פאר איהם: „רבונו של עולם" — „זאל משה און הונ־דערט ווי ער שטארבען, און א נאגעל אפילו פון איינעם פון זיי זאל ניט געמינערט ווערען".

און וועגען דוד המלך ווערט אין תנ"ך—שמואל ב', כ"ג— פאלגענדעס דערצעהלט:

ער איז אין לאגער געזעסען אין א צייט, ווען ער האט א מלחמה אנגעפיהרט מיט די פלשתים. און דער לאגער פון די פלשתים האט זיך ניט ווייט פון דעם ברונים אין בית

לחם געפונען. האט דער קעניג א שטארקען דארשט גע־פיהלט און געזאגט: „ווער וועט מיר אנטרינקען וואסער פון דעם ברונים פון בית לחם?״ — האבען זיך דריי גבורים פון דער מחנה זייגער ארייגגעבראכען אין דער מחנה פון די פלשתים און זיי האבען אנגעשעפט וואסער פון ברונים פון בית לחם און צום קעניג געבראכט. ער האט אבער דאס וואסער ניט געוואלט טרינקען. ער האט געזאגט: „זאל מיך גאט אפהיטען, איך זאל עס טאן. עס איז דאך דאס בלוט פון די מענשען, וואס האבען זייער לעבען איינגע־שטעלט״.

ער האט דאס וואס איז דורך סכנת נפשות ערווארבען געווארען פאר מענשליך בלוט באטראכט און האט עס ניט טרינקען געוואלט.

---

און אין זוהר — נשא קל״ה — האבען מיר געלערענט:

— מיר האבען געלערענט אין „צניעותא דספרא״: דער „עתיקא דעתיקין״ *) איידער ער האט זיך אליין אין זיינע געהערינגע תקונים געבראכט, האט ער פארשידענע מלכים **) ממנה געווען. ער האט געהאלטען אין איין מלכים צוזוכען, אין איין מלכים צופאסען. זיי האבען זיך אבער אין קיין קיום ניט געקענט האלטען. האט ער געמוזט פארשטויסען זיי פון זיך און באהאלטען זיי פאר אן אנדער מאל.

און דאס איז עס וואס שטעהט געשריבען—בראשית, ל״ו— „ואלה המלכים, אשר מלכו בארץ אדום״ — און דאס זענען די

---

*) דער אוראלטסטער.

**) די שלימות קרוין פאר דער יצירה; אין מלכותדיגער שלימות זי ברענגען.

מלכים, וואס האבען געקעניגט אין לאנד אדום. אין לאנד אדום *), אויף דעם ארט, וואו די אלע דינים האלטען זיך אויף דארטען.

זיי אלע, די דאזיגע אלע מלכים, האבען זיך אין קיום ניט געקענט האלטען ביז דער ווייסער קאפ פון דעם „עתיקא דעתיקין" האט זיין געהעריגען תיקון פאר זיך באשאפען. ווען ער איז אין זיין געהעריגען תקון געבראכט געווארען, האט ער אויך ארויסגעבראכט די אלע אונטערשטע תקונים. ער האט ארויסגעבראכט די אלע תקונים פאר אויבען און אונטען.

און דערפון לערנען מיר, אז יעדער פארשטעהער פון פאלק, וואס ברענגט זיך אליין ניט פריהער אין געהעריגען תקון, קען דאן אויך דאס פאלק אין געהעריגען תקון זיך ניט געפינען. אויב ער ברענגט זיך אין ריכטיגען תקון — געפינען אויך זיי אלע דעם תקון זייערען פאר זיך. אויב ער אליין אבער געפינט זיך ניט אין דעם געהעריגען תקון זיי-נעם, קען אויך דאס פאלק אין קיין געהעריגען תקון זיך ניט געפינען.

פון וואנען ווייסען מיר עס?

פון דעם עתיק יומין. ווארים ביז ער האט זיך אין דער פולער שלימות זיינער כביכול ניט געפונען דורך דעם תקון זיינעם, וואס ער האט פאר זיך געשאפען, האבען ניט גע-קענט די אלע, וואס האבען באדארפט א תקון האבען, דעם תקון זייערען געפינען, און די אלע וועלטען האבען געמוזט חרוב ווערען.

*) אדום — רויט, וואס איז מרמז אויף דין.

## דריטע אָפּטיילונג

# צדקה

א.

# דער חיוב צו געבען צדקה

און דער רחמנות, וואס מיר באדארפען פיהלען צו אונזערע מיטמענשען, באדארף זיך אין לעבעדיגע מעשים מתלבש זיין. דאס געפיהל פון רחמנות אין אונז באדארף אונז צו קאנקרעטע טהאטען ברענגען. קרעכצען, זיפצען אויף יענעמס צרות, מיט דעם אליין קען מען ניט יוצא זיין. נאר דאס אליין טאן טויג ניט. מען באדארף דעם בעל יסורים, דעם נויטבאדערפטיגען, ממשותדיגע הילף געבען, מען באדארף זיך לאזען קאסטען געלט, טרחה, יענעמס צרות צו פארקלענערען, יענעמס נויט צו לינדערען.

---

דער רחמנות אונזערער צו אונזערע מיטמענשען באדארף זיך אין לעבעדינע מעשים מתלבש זיין.

וואס איז דאס — פרעגט די גמרא אין סוטה י"ד — וואס שטעהט געשריבען — דברים, י"ג: — „אחרי ה' אלהיכם תלכו" — נאך גאט אייער גאט זאלט איהר נאכגעהן? קען דען א מענש נאכגעהן נאך דער שכינה? עס איז דאך שוין לאנג געזאגט געווארען — דברים, ה': — „כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא" — ווארים גאט אייער גאט איז פארצערענד פייער. נאר וואס דען? ער באדארף נאכגעהן נאך די מדות פון קודשא בריך הוא. אזוי ווי ער האט מלביש ערומים געווען, ווי עס איז געשריבען — אין בראשית, ג' — „ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם" — און גאט האט געמאכט צו אדמן און צו זיין ווייב פעלענע מאנט־

לען און האט זיי באקליידט *), אזוי זאלסטו מלביש ערומים זיין. הקדוש ברוך הוא האט מבקר חולים געווען, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען — בראשית, וירא: — „וירא ה׳ אליו באלוני ממרא״ — און גאט האט זיך באוויזען צו איהם אין אלוני ממרא — אזוי זאלסטו מבקר חולים זיין. קודשא בריך הוא האט מנחם אבלים געווען, ווי עס איז געשריבען — בראשית כ״ה: — „ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו״ — און עס איז געווען נאך דעם טויט פון אברהמען — האט גאט געבענשט יצחקן זיין זוהן — אזוי זאלסטו מנחם אבלים זיין. הקדוש ברוך הוא האט באגראבען מתים, ווי עס שטעהט געשריבען — דברים, ל״ד: — „ויקבר אותו בגיא״ — און ער האט איהם — משהן — באגראבען אין טאל — אזוי זאלסטו מתים באגראבען.

די מדה פון רחמנות האט נאר דאן איהר פולען ווערט, ווען זי ברענגט מענשען צו דער מדה פון צדקה, וואס איז שקול, ווי די חז״ל זאגען — בבא בתרא, ט׳ — אנטקעגען די אלע מצות פון דער תורה; „וואס איז פון פיעל גרעסערען ווערט — סוכה, מ״ט — פון די אלע קרבנות צוזאמענגענו־מען״; די מצוה, וואס אז מען איז זי מקיים — ויקרא רבה, ל״ד — ווערט מען מיט פיער און צוואנציג ברכות געבענטשט; אז מען איז זי אבער ניט מקיים, ווערט מען מיט פיער און צוואנציג קללות פארשאלטען; די מצוה אין וועלכער — רמב״ם הלכות מתנות עניים, פרק י׳ — מיר באדארפען נזהר זיין מעהר, ווי אין יעדער אנדער מצות עשה פון דער תורה: די מצוה, „וואס איז מקרב די גאולה״ — בבא בתרא, י׳.

---

*) זעה סוטה י״ד און רש״י דארטען. און זעה אויך די רש״י אין חומש אויף דעם ציטירטען פסוק און דעם אבן עזרא דארטען.

ווארים „ירושלים וועט ניט אויסגעלייזט ווערען נאָר דורך צדקה" — שבת, קל"ט — נאָר דאַן, ווען דער יחיד פון אידישען פאָלק וועט זיין פליכט טאָן צו דער „כנסת ישראל", פון גלות זי אויסלייזען, נאָר דאַן, ווען יעדער איינער וועט זיך מיט זיין צדקה משתדל זיין, צו שאַפען די אַלע מיטלען, וואָס זענען נויטיג דערויף, ירושלים זאָל קענען אויפגעבויט ווערען, עס זאָל ווידער ווערען ארץ־ישראל אויפגעריכט.

און ניט נאָר קען די גאולה ניט קומען, ווען די אידען זענען די מצוה פון צדקה ניט מקיים ווי געהעריג, נאָר עס ווערט פאַר זיי צוליעב דעם אויך דער גלות שטאַרקער, ערגער.

אָט אזוי איז עס שוין. וואָס ווייניגער די אידען האָבען איינער אויף דעם צווייטען רחמנות — אַלץ גרעסער ווערט די אכזריות פון די גוים צו זיי.

„כל זמן דער בית המקדש איז געשטאַנען — ווערט אין בבא בתרא ט' געזאָגט — האָט אַ מענש געגעבען דעם שקל זיי־נעם און די זינד זענען איהם פאַרגעבען געוואָרען. איצט, אַז דער בית־המקדש איז ניטאָ — איז אויב מען גיט צדקה איז גוט. אויב ניט, קומען די גוים און נעהמען צו — דאָס פאַר־מעגען ביי אידען — מיט געוואַלד. „אַז מען גיט ניט יעקבן, גיט מען עשון" *). „ותפיק לרעב נפשך" — און דו זאָלסט דעם

---

*) דאָס דאָזיגע פאָלקס־ווערטעל שטאַמט, ווייזט אויס, פון דעם פריהער געבראַכטען — ווי אויך פון דעם נאָך איהם קומענדען מאמר. און ביים מאַכען די קאָרעקטור שוין האָב איך געזעהן אַ רעצענזיע פון גדליה בובליק — אין „טאָגעבלאַט" פון אָקטאָבער 15 — וועגען טויבשס אַ בוך וועגען אידישע פאָלקס ווערטלאך — דעם בוך אַליין האָב איך ניט געזעהן — וואָס איז גאָר לעצטענס ערשינען — אין וועלכער ער ברענגט — נאָכדעם ווי ער לויבט

בדרך כלל דעם בוך — די מיינונג פון מחבר, אַז דאָס ווערטעל: „אַז מען גיט ניט יעקבן, גיט מען עשון" שטאַמט פון מאמר אין ילקוט שה"ש, תתקצ"ב: „הפתח שאינו פתוח למצוה, פתוח לרופא" — אַלס ביישפיעל, „ווי אַזוי אין מאַנכע ערטער מאַטערט זיך דער מחבר צו געפינען אַ מקור פון א ווערטעל, וואו עס איז זעהר צווייפעלהאַפט", צי מען קען דאָרטען דעם דאָזיגען מקור געפונען. און ער איז ווירקליך גערעכט מיט דער דאָזיגער באַהויפּטונג זיינער, אַז דער אויבענדערמאַנטער מאמר פון ילקוט קען ניט געזעהן ווערען אַלס מקור פון דעם דערמאַנטען פאָלקס־ווערטעל. דער מקור פון דעם דאָזיגען פאָלקס־ווערטעל איז זיכער, ווי איך האָב אָנגעוויזען. דאָס דאָזיגע פאָלקס־ווערטעל איז דאָך, כמעט, ווי אַ בוכשטעבליכע איבערזעצונג פון יענע מאמרים.

גוטען ווילען דיינעם אַנטקעגען טראָגען דעם ארימאַן — דרשענען די חז"ל אין ויקרא רבה, ל"ד: — „זכו לרעבו של יעקב. לא זכו — לשבעו של עשו". זענען מיר בעלי זכיה — געהט אונזער געלט אַוועק אויף שטילען דעם הונגער פון יעקבן, פון די אידישע ארימע לייט. זענען מיר אַבער ניט קיין בעלי זכיה — געהט אונזער געלט אַוועק אויף אָנשטאָפּען עשון.

און רבא האָט געזאָגט — אין בבא בתרא ט׳ — צו די בני מחוזא:

„איך בעט אייך, זייט מזרז איינער דעם צווייטען, איהר זאָלט טאָן צדקה, כדי איהר זאָלט האָבען פרידען אין דער מלוכה".

און „איינע פון די פיער זאַכען — ווערט אין סוכה כ"ט געזאָגט — וואָס ברענגען דערצו, אַז די נכסים פון די בעלי בתים זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו מלכות, איז דאָס, וואָס זיי באַצאָהלען ניט די צדקה, וואָס זיי זענען פוסקים ברבים".

## ב.
# דער אופן ווי אזוי מען דארף געבען צדקה

.1

רחמנות פיהרט צו צדקה.

און שטענדיג בּאדארף אויך דער גייסט פון רחמנות אויף אונזער צדקה רוהען.

„אין צדקה משתלמת אלא לפי חסד שבה" — זאגט די גמרא אין סוכה, מ"ט.

די אמתע צדקה איז נאר די, אין וועלכער עס איז דער עלעמענט פון חסד פארהאן.

מען קען געבען צדקה אויף פארשידענע אופנים.

אויף אן אופן, דורך וועלכען זי ווערט אויף א גאר הויכער מדרגה געשטעלט.

און אויף אן אופן דורך וועלכער זי ווערט געשטעלט אויף א נידעריגערער מדרגה.

מען קען געבען צדקה אויף אן אופן, עס זאל דעם, צו וועמען מען גיט זי, גרינג זיין צו נעהמען זי, ער זאל זיך ניט פיהלען באליידיגט, ערנידעריגט דאן.

און מען קען זי געבען אויף אן אופן וואס זאל דעם, וואס דארף זי נעהמען, פיעל שפיכות דמים דאן קאסטען.

מיר דארפען דעריבער געבען די צדקה אונזערע בסבר פנים יפות, מיט כבוד, מיט ליעבע צו דעם, וואס נעהמט זי פון אונז. עס דארף אין איהר אונזער הארץ, אונזער נשמה זיין. עס באדארף אין איהר דער עלעמענט פון רחמנות זיין.

בשעת מיר גיבען אונזער הילף צו וועמען, דארפען מיר דאן דורכגעדרונגען זיין מיט מיטלייד, מיט מיטגעפיהל צו

איהם, כדי מיר זאָלען פעהיג זיין צו געבען יענעם אויף דעם אייגענעם אופן, ווי מיר גיבען זיך אליין.

ווארים בשעת מיר זענען דורכגעדרונגען מיט מיטלייד, מיט מיטגעפיהל צו יענעם, ווערט דאַן דער אונטערשיד צווי־שען מיר און יענעם אָפּגעווישט; ווערט דאַן יענעמס צער אונזער אייגענער צער, יענעמס ליידען אונזערע אייגענע ליידען.

און דעריבער שטעהט עס — האָט בר קפרא געזאָגט — ויקרא רבה, ל"ד: — „ומבשרך לא תתעלם" — ישעיה, נ"ח — און פון דיין אייגען פלייש זאָלסטו זיך ניט פארקוקען. דער נביא הייסט אונז זעהן זיין — פון דעם, וואָס דאַרף צו אונז אָנקומען — לייב, ווי אונזער אייגען לייב *), העלפענדיג

*) „תני בר קפרא אין לך אדם שאינו בא למדה זו. אם לא הוא — בנו. אם לא בנו — בן בנו". און אין שבת קנ"א: „תניא, רבי אלעזר הקפר אומר: לעולם יבקש אדם רחמים על מדה זו, שאם הוא לא בא — בא בנו. ואם בנו לא בא — בן בנו בא. פון די דאָזיגע צוויי שטעלען, ווי אויך, פון פיעלע אַנדערע ענליכע פּאַראַלעלע שטעלען איז צו זעהן, אז בר קפרא און רבי אלעזר הקפר איז תיינו הך, אז בר קפראס נאָמען איז רבי אלעזר געווען. און נאָכדעם, וואָס איך האָב דאָס אָנגעשריבען, האָב איך געפונען, אַז אויך אין „דרך ארץ זוטא", פּרק ט', געפינט זיך דער דאָזיגער מאמר — בשנוי לשון קצת — אויף בר קפראס נאָמען. „הוה אוהב את העניים — לייענט זיך דאָרטען דער דאָזיגער מאמר — כדי שלא יבואו בניך לידי מדה זו".

אונזערע מיטמענשען, באַדאַרף עס ביי אונז הייסען, אז מיר העלפען זיך אליין.

„און דעריבער — זאָגען די חז"ל אין שקלים, ט"ו — שטעהט אויך — תהלים, מ"א — „אשרי משכיל אל דל".

עס שטעהט ניט „אשרי נותן אל דל" — אז וואויל איז דעם, וואס גיט צום אָרימאַן, נאָר וואס דען? עס שטעהט „אשרי משכיל" — אַז וואויל איז דעם, וואָס איז זיך משתדל צו טאָן צדקה אויף וואָס אַ מעהר בעסערען וועג, וואָס וויל ניט יוצא זיין נאָר מיט דעם אוועקגעבען אליין פון דער צדקה, נאָר ער גיט זיך די מיה, ער לעגט אַן שכל דערביי, ער זאָל אויף אַ וואָס מעהר בכבודיגען, פיינערען וועג די צדקה געבען.

דער וואָס גיט צדקה — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק י' — מיט אַ בייזער מינע, און דער פּנים זיינער איז צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, איז אפילו אז ער האָט איהם, דעם נויטבאַדערפטיגען, געגעבען טויזענד זהובים, האָט ער זיין זכות פאַרלאָרען, איז די מצוה קיין מצוה ניט. נאָר מיר באַדאַרפען איהם געבען די הילף אונזערע בסבר פּנים יפות, מיט פרייד, מיטקלאַגענדיג מיט איהם בשעת מעשה אויף זיינע צרות, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען — איוב, ל': — „אויב איך האָב ניט געוויינט אויף דעם קשה יום, אויב איך האָב ניט געמאַכט טרויעריג מיין נשמה אויף דעם אָרימאַן". ער באַדאַרף רעדען מיט איהם בשעת ער גיט איהם זיין הילף טרייסט־רייד, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען — דאָרטען, כ"ט: — „און דאָס הארץ פון דער אלמנה מאַך איך זינגען".

און אַט אויף אַזאַ צדקה האָבען די חז"ל — אין בבא בתרא, י' — געזאָגט: „הנותן צדקה לעני זוכה ומקבל פּני שכינה" — אַז דער וואָס גיט צדקה צום אָרימאַן, איז ער זוכה מקבל פּני שכינה צו זיין, ווי עס איז געזאָגט געוואָרען — תהלים, י"ד: — „אני בצדק אחזה את פּניך" — דורך צדקה זעה איך דאָס געזיכט דיינס.

און אַט אויף אַזאַ צדקה האָבען זיי געזאָגט: „כל הנותן פּרוטה לעני מעלה עליו הכתוב כאילו בנה מזבח והקריב עליו קרבן", אַז דער וואָס גיט אַ פּרוטה צו אַן אָרימאַן

ברענגט אויף איהם ארויף דעם פסוק, גלייך ווי ער האט אויסגעבויט א מזבח און האט מקריב געווען אויף איהם א קרבן.

.2

צדקה דארף מען בסבר פנים יפות געבען.

דער עיקר איז ניט דאס געבען אליין פון צדקה, נאר דער אופן, ווי אזוי מען גיט זי.

רבי ינאי האט געזעהן — ווערט דערצעהלט אין חגיגה, ה׳ און קהלת רבה צום סוף — ווי איינער האט געגעבען א „זוז" צו אן ארימאן בפרהסיא. האט ער געזאגט צו איהם: „בע־סער וואלט געווען, דו זאלסט איהם גאר אין גאנצען ניט געווען געבען, איידער איצט וואס דו האסט איהם געגעבען און פארשעהמט איהם".

און שמעון בר ווא — ווערט אין תלמוד ירושלמי, בבא מציעא פ״ב דערצעהלט — איז געגאנגען הינטער רבי לעזר. איז ארויסגעפאלען ביי רבי לעזרן א רענדעל, האט איהם רבי שמעון בר ווא דעם רענדעל דערלאנגט. האט זיך אנ־גערופען צו איהם רב לעזר: „איך האב זיך שוין לאנג מייאש געווען פון דעם. דאס רענדעל געהערט דעריבער צו דיר".

און די רבנן האבען נאכדעם געזאגט, אז רבי לעזר האט אומיסטען געלאזט ארויספאלען דאס רענדעל פון זיין קע־שענע. זיין כונה איז געווען צו מזכה זיין רבי שמעון בר ווא, וועלכער איז געווען א גרויסער ארימאן.

און ווי אזוי פלעגט זיך ר׳ יוחנן *) נוהג זיין?

אז ער האט געזעהן א בן־טובים וואס איז א יורד גע־ווארען, האט ער געזאגט צו איהם: „ווייל איך האב געהערט

* אין ויקרא רבה, ל״ד: רבי יונה.

װעגען דיר, אַז עס איז צו דיר אַריינגעפאַלען אַ ירושה פון ערגעץ, טאָ נעהם ביי מיר געלט, און דו װעסט מיר נאָכדעם באַצאָהלען" — שקלים, ט"ו; ויקרא רבה, ל"ד.

און דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פּרק י', רעד־כענט אויס אַכט מדרגות אין די אופנים פון צדקה געבען:

די גרעסטע מדרגה, װאָס קיין גרעסערע מדרגה פון איהר איז נאָר ניטאָ, איז שטיצען אַזאַ איינעם, װאָס איז פאַר־אָרימט געװאָרען, דערמיט װאָס ער מאַכט איהם אַ מתנה, אָדער ער גיט איהם אַ הלואה, אָדער ער מאַכט מיט איהם שותפות, אָדער ער איז איהם ממציא אַ מלאכה, כדי ער זאָל ניט דאַרפען אַנקומען צו פרעמדע, נדבות פון זיי בעטען.

„און אין אַ קלענערער מדרגה פון דער, איז דער יעניגער, װאָס גיט צדקה צו אָרימע לייט, און ניט ער װייסט צו װעמען ער האָט געגעבען, און ניט דער אָרימאַן װייסט, פון װעמען ער האָט גענומען. װאָרים דאָס איז אַן אמתע „לשמה"־מצוה.

„און דערפאַר איז געװען אַ „לשכת חשאים" אין מקדש, אַ שטילער, פאַרבאָרגענער צימער, װאָס די צדיקים פלעגען דאָרטען אַריינװאַרפען צדקה אין דער שטיל, און די עניים בני טובים פלעגען פון דאָרטען אַרויסנעהמען אין דער שטיל, און די, װאָס האָבען זיך נאָך מעהר געשעהמט, פלעגען קומען נעהמען פון דאָרטען ביינאַכט".

דאָס איז „מתן בסתר", װעגען װעלכען די חז"ל זאָגען — אין בבא בתרא, ט — אַז דער װאָס טוט צדקה בסתר איז גרעסער פון משה רבנו.

„און נאָהענט צו דער מדרגה — שרייבט װייטער דער רמב"ם — איז די מדרגה פון דעם, װאָס גיט לתוך קופּה של צדקה, אין דער שטאָדטישער צדקה־פּושקע. עס באַדאַרף אָבער קיינער ניט געבען לתוך קופּה של צדקה נאָר דאַן, װען

ער ווייסט, אז דער ממונה איז א באגלויבטער און א חכם און ער ווייסט ווי זיך צו פיהרען כשורה, ווי רבי חנינא בן תרדיון.

„א קלענערע מדרגה פון די ערשטע צוויי איז די צדקה, וואס דער געבער ווייסט צו וועמען ער גיט זי, דער נעהמער אבער ווייסט ניט פון וועמען ער נעהמט זי. ווי די גדולי החכמים פלעגען זיך פיהרען: זיי פלעגען געהן אויסבאהאל־טענערהייט און אונטערוואַרפען געלט הינטער די טירען פון די אָרימע לייט.

„און אט אזוי באַדאַרפען אויך אַלע טאָן. און א גאַר גרויסע מדרגה איז דאָס, אויב די וואָס זיינען ממונה איבער דער צדקה זיינען זיך ניט נוהג כשורה.

„א קלענערע מדרגה פון דער איז, די צדקה, וואָס ווערט נעגעבען אויף אַז אופן, אַז דער אָרימאַן ווייסט פון וועמען ער נעהמט: דער געבער ווייסט אָבער ניט וועמען ער גיט. ווי אנדערע גדולי החכמים פלעגען זיך פיהרען: זיי פלעגען אַנבינדען געלט אין די אויבערשטע מאַנטלען זייערע און פאַרוואַרפען זיי אויף הינטען, און די אָרימע לייט פלעגען קומען און נעהמען דאָס געלט, כדי זיי זאָלען קיין בושה ניט האָבען.

„נאָך א קלענערע מדרגה איז די צדקה, וואָס ווערט גע־געבען אין דער האַנט פון דעם נעהמער, כאָטש מען גיט איהם דאָס געלט איידער ער בעט.

„נאָך א קלענערע מדרגה איז די צדקה, וואָס ווערט געגעבען צו דעם נעהמער נאָכדעם, וואָס ער בעט ערשט.

„נאָך א נידעריגע מדרגה איז, אַז מען גיט דעם נויט־באַדערפטיגען ניט גענוג, כאָטש דאָס וואָס מען גיט איהם, גיט מען איהם בסבר פנים יפות דוקא.

„די גאר ערגסטע מדרגה איז, ווען מען גיט צדקה מיט א בייזער מינע".

---

אזוי צי אזוי, אויף דעם אופן אדער אויף אן אנדער אופן — צדקה דארף יעדער איינער געבען.

און דער וואס פארהוילט זיינע אויגען פון צדקה, ווערט אנגערופען — זאגט דער רמב"ם דארטען — בליעל *) : „ער ווערט אנגערופען מיט דעם אייגענעם נאמען, וואס אן עובד עבודה זרה ווערט גערופען **). ער ווערט אויך אנגערופען רשע. אויך חוטא ווערט ער אנגערופען".

און אויף אזא איינעם מאכט גאט זיין שלום ניט רוהען.

דער רבונו של עולם איז אויף איהם זיין שלום ניט משפיע ווייל אויך ער — דער חוטא — טוט גאר ניט דארויף, עס זאל פאלקאמער שלום צווישען קודשא בריך הוא און זיינע ברואים הערשען.

אמר רבי יהודה בר סימון — ויקרא רבה, ל"ר — האט רבי יהודה בר סימון געזאגט: „דער דאזיגער ארימאן זיצט און האט תרעומות: „וואס בין איך ערגער פון פלוני? ער שלאפט אין זיין הויז, און איך — דא". ביזטו געקומען און האסט איהם הילף געגעבען. שווער איך ביי דיין לעבען, אז איך וועל עס דיר פאררעכענען גלייך ווי דו האסט שלום געמאכט צווישען מיר און איהם. און אט דאס איז דאס וואס שטעהט געשריבען — ישעיה, כ"ז: — „או יחזיק במעוזי שלום יעשה לי, שלום יעשה לי" — אדער ער וואלט זיך גע־

---

*) דער מקור פון דעם אלעם איז אין בבא בתרא י'.

**) דתניא: רבי יהושע בן קרחה אומר: „כל המעלים עיניו מן הצדקה — כאלו עובד עבודת כוכבים" — בבא בתרא, י'.

האלטען אין דער תורה מיינער. שלום וואלט ער מיר גע־
בראכט דורך דעם. ער וואלט מיר שלום געבראכט.

„אין שלום אמר ה׳ לרשעים" — ישעיה, מ"ח — זאגט דער
„זוהר" — בראשית ע"ו, ב׳ — אז דאס געהט אויף די אבירי
לב, אויף די אכזרים, וואס זיינען פון צדקה ווייט.

אזא איינער לעבט אויך אלס „פלג גוף", אלס האלבער
מענש זיין גאנצען לעבען אפ. ער האט שפע און איז זי ניט
משפיע צו קיינעם. ערשט דאן ווען דער מענש גיט צדקה,
געפינט ער זיך אינגאנצען, ווערט ער א גאנצער מענש.

„את זה לעומת זה עשה אלהים" — קהלת, ז׳ — איינס
אנטקעגען דעם אנדערען האט גאט באשאפען — דרשענען די
חז"ל — קהלת רבה, ז׳ — אויף דעם דאזיגען פסוק: „גאט האט
באשאפען ארימע און רייכע, כדי זיי זאלען מזכה זיין איינע די
אנדערע" *).

און אט אזוי — ווערט אין ויקרא רבה, ל"ד, דערצעהלט —
פלעגט רבי תנחום ברבי חייא זיך נוהג זיין. בשעת זיין
מוטער פלעגט באדארפען נעהמען פאר איהם א פונט פלייש
אין מארק — פלעגט זי נעהמען פאר איהם צוויי: איינע פאר
איהם ,און איינע פאר די ארימע לייט.

ווארים דער רייכער, וואס גיט צדקה דעם ארימאן, איז
ניט נאר א משפיע אליין דורך דעם דאזיגען טהאט, נאר ער
איז דורך איהם אויך א מקבל השפעה. פונקט ווי ער איז
דעם ארימאנס משפיע, אזוי איז דער ארימאן אויך זיין
משפיע.

„רבי יהושע האט געלערענט — ויקרא רבה, ל"ד: —
מעהר, ווי דער בעל הבית טהוט מיט דעם ארימאן, טהוט
דער ארימאן מיט דעם בעל הבית. ווארים אזוי זאגט רות

*) זעה „זוהר" בראשית, ר"ח, א׳.

צו נעמין — רות, ב׳: — „שם האיש אשר עשיתי עמו היום בועז״, „אשר עשה עמי״ שטעהט דא ניט געשריבען, נאר „אשר עשיתי״. זי האט געזאגט צו איהר: „א סך פעולות און טובות האב איך מיט איהם געטאן היינט צוליעב דער פרוטה, וואס ער האט מיר געגעבען״.

און אויף דעם פסוק—בראשית א׳—„נעשה אדם בצלמנו״, לאמיר א מענשען מאכען אין אונזער געשטאלט, זאגט דער "זוהר״, אין דער הקדמה, דף י״ג, אז „בצלמנו״ מיינט די רייכע, „כדמותנו״ מיינט די ארימע לייט. ווארים פון „סטרא דדוכרא״ של מעלה קומען די רייכע, די משפיעים, און פון „סטרא דנוקבא״ דארטען קומען די ארימע לייט, די מקבלי ההשפעה. און ווי די דאזיגע אויבען זענען אין שותפות און האבען רחמנות איינער אויף דעם צווייטען, אזוי דארפען די מענשען אונטען, די ארימע לייט און די רייכע, אין איין באהעפטונג זיין און רחמנות האבען איינער אויף דעם צוויי־טען און גומל טוב זיין איינער מיט דעם צווייטען. אויב זיי פיהרען זיך אבער ניט אזוי, לעבען זיי א לעבען פון בעלי מומים און טראגען א פגם אריין אויך אין די עולמות העליונים אויבען. זיי קענען דורך דעם צו פרוד ברענגען צווישען דער סטרא דדוכרא און דער סטרא דנוקבא דארטען.

מיר ברענגען דורכדעם אויך דערצו, אז די שפע פון די עולמות העליונים זאל ניט קענען צו די עולמות התחתונים אראפגעצויגען ווערען.

ווארים — „זוהר״ בראשית, ר״ח, א׳ — „אז גאט האט באשאפען די וועלט, האט ער זי אויף א זייל אוועקגעשטעלט. און צדיק איז דער נאמען פון דעם דאזיגען זייל. און דער צדיק גיט עס דער וועלט דעם קיום איהרען. ער טוט עס אנטרינקען און שפייזען אלעמען. פון דארטען פארשפרייט זיך די שפע אין די אלע פיער זייטען פון דער וועלט״.

און וואס מעהר צדקה מיר גיבען אלץ מעהר שפע ציהט זיך פון דארטען.

„דער וואס האט רחמנות אויף דעם ארימאן — ווערט אויף אן אנדער ארט אין „זוהר", ויקרא, ק"ח, ב', גע־זאגט — גיט אריין שלום אין דער כנסת ישראל און איז מוסיף ברכה, פרייד און קראפט אויף דער וועלט".

אויב מיר גיבען אבער קיין צדקה ניט, ווערען פארשטאפט די צנורות, דורך וועלכע עס ציהט זיך צו אונז די שפע פון אויבען, און מיר ווערען פון איהר אפגעהאקט.

און נאכמעהר: ניט נאר דער מענש איז א חסר, א פגום דורך דעם, וואס ער גיט קיין צדקה ניט, נאר עס ווערט דורך דעם אויך אין גאטס נאמען א געמינערטקייט, א פגימה־דיגקייט אריינגעטראגען.

ווער מאכט גאנץ — ווערט אין „זוהר", ויקרא, קי"ג, גע־זאגט — גאטס נאמען אלע טאג? זאגען מיר: אט דער וואס גיט צדקה צום ארימאן.

און גאט האט אויסדערוועהלט אברהם אבינו — זאגט דער „זוהר" אין בראשית ע"ו — פון די אלע מענשען פון זיין דור, נאר דערפאר, וואס זיי זיינען אבירי לב, רשעים געווען, נאר דערפאר וואס נאר ער אליין האט פון דעם גאנצען דור צדקה געגעבען.

ג.

# דער שכר פון צדקה

צדקה דאַרף מען בסבר פנים יפות געבען.

מיר באַדאַרפען אָבער פון דעם דאָזיגען סבר פנים יפות אונזערען קיין קאַפּיטאַל ניט שלאָגען. דער שמייכעל, מיט וועלכען דו באַגלייטסט די הילף דיינע בשעת דו גיסט זי צום נויטבאַדערפטיגען, באַדאַרף דיר קיין פּראָפּיטען ניט אַריינברענגען. עס זיינען פאַרהאַנען אַזוינע בעלי צדקה, וואָס זיינען גאָר ניט קאַרג אויף אַ שמייכעל אַ פריינדליכען, אויף גוטע רעד צו רעדען צו די, וואָס ווענדען זיך צו זיי נאָך הילף. דערפאַר אָבער זיינען זיי שוין גאָר זעהר קאַרג, ווען עס קומט צו געבען הילף אין אַ געהעריגער מאָס צו די, וואָס ווענדען זיך צו זיי. דאָס, וואָס זיי דערצאָהלען ניט אין געלט, דערצאָהלען זיי מיט גוטע רייד. זיי ווילען ביידע זאַכען: אַז ביי זייער געלט בלייבען, אַז די דאַנקבאַרקייט פון דעם, וואָס האָט זיך צו זיי געווענדעט האָבען, אויסזעהן אין זיינע אויגען ווי בעלי רחמים גרויסע, ווי ווייכהערציגע מענשען. זיי ווילען מציאות גרויסע איינהאַנדלען. פאַר אַ פּאָר פּרוטות ווילען זיי דעם נאָמען רשע, וואָס זיי פאַרדינען, אויף דעם נאָמען צדיק פאַרבייטען.

די דאָזיגע בעלי צדקה אָבער, וואָס גיבען נישטיגע סומען מיט אַ גוטער מינע, שטעהען אויף אַ ניט העכערער מדרגה, ווי די, וואָס גיבען גרויסע סומען מיט אַ בייזער מינע.

פּונקט ווי די בייזע מינע ביי געבען צדקה קען ניט אויסגעקויפט ווערען דורך דער גרויסער סומע, וואָס ווערט

דאָן געגעבען, אַזוי קען אויך די גוטע מינע ביים געבען צדקה די ווערטה פון דער נישטיגער סומע, וואָס ווערט גע־געבען דאָן, ניט פאַרגרעסערען. דיביידע טיפּען בעלי־צדקה, די, וואָס גיבען גרויסע סומען מיט אַ בייזער מינע, ווי די וואָס גיבען קליינע סומען מיט אַ גוטער מינע, זיינען פון איין ווערט.

וואָרים צדקה באַדאַרף מען מיט דער ברייטער האַנט געבען. געבען צדקה נאָר פון יוצא וועגען איז ניט גענוג. ציטער ניט איבער דעם געלט. פאַרגעס ניט, אַז אויב דו פאַרמאָגסט אַ סך געלט, ליגט אין דעם אַ סך פרעמ־דע פראַצע, אַ סך פרעמדע מיה. מעהר, ווי דו אַליין האָבען אַנדערע עס פאַר דיר געשאַפען. האַלט עס דעריבער ניט נאָר פאַר זיך. זאָלען אויך אַנדערע פון דעם געהאָלפען ווערען. פאַרגעס ניט, אַז ראשית כל באַלאַנגט דאָס געלט צו גאָט. ער האָט עס דיר געגעבען, טאָ גיב זשע איהם צוריק פון דעם, ווען ער באַדאַרף עס פאַר די אָרימע לייט זיינע. „רבי אלעזר איש ברתותא זאָגט — אבות, פרק ג׳ — גיב איהם פון זיינס, וואָרים דו און אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט, באַלאַנגט צו איהם״.

דו באַדאַרפסט פאַר זיך אַלס גרויסען זכות באַטראַכטען ניט נאָר דאָס, וואָס גאָט האָט דיר רייכקייט געגעבען, נאָר אויך דאָס וואָס ער האָט דיר דעם אָרימאַן צוגעשיקט, דו זאָלסט דורך איהם די מצוה פון צדקה מקיים זיין.

און אין „זוהר״, ויקהל, קצ״ח, אויף דעם פסוק „הלא פרוס לרעב לחמך״ — ישעיה, נ״ח — דו זאָלסט פאַר דעם הונגעריגען פון דיין ברויט אָפּברעכען — האָבען מיר אַזוי געלערענט: „קום און זעה: אַז וואויל איז דעם מענשען, וואָס האָט אַנגעטראָפען אויף אַן אָרימאַן. וואָרים דער דאָ־זיגער אָרימאַן איז דאָס אַ מתנה פון קודשא בריך הוא,

וואס גאט האט איהם געשיקט. ווער עס נעהמט אויף די דאזיגע מתנה בסבר פנים יפות איז אז וואויל צו איהם. קום און זעה: ווער עס האט רחמנות אויף אן ארימאן און דער־האלט איהם ביים לעבען, איז קודשא בריך הוא פאררעכענט איהם גלייך ווי ער וואלט איהם באשאפען. און דעריבער איז אברהם, וואס האט רחמנות געהאט אויף די אלע קינדער פון דער וועלט, האט איהם קודשא בריך הוא פאררעכענט גלייך, ווי ער האט זיי באשאפען, ווי עס איז געשריבען: „ואת הנפש אשר עשו בחרן" — בראשית, לך לך — און די נפשות, וואס זיי האבען געמאכט אין חרן.

---

און ניט נאר מיט א פרייער האנט נאר אויך מיט א גרינגער האנט זאלסטו צדקה געבען. האלט זי אפען שטענ־דיג. זאל דיך דער נויטבאדערפטיגער ניט דארפען ארומ־זוכען. האלט פאר איהם שטענדיג דיינע טירען אפען. „דו זאלסט נזהר זיין — דרך ארץ זוטא, פרק ט׳ — אז דיינע טירען זאלען ניט זיין פארשלאסען". „זאל דיין הויז ברייט אפען זיין" שטענדיג פאר די ארימע לייט — אבות, א׳.

---

מיט א ברייטער און גרינגער האנט זאלסטו צדקה געבען. און ציטער ניט, טאמער וועט פאר דיר ניט בלייבען, אז דו וועסט א סך צדקה געבען. ווי אזוי איינער נעהמט זיך פאר, אזוי העלפט איהם גאט. „דער וואס איז רודף אחרי הצדקה — בבא בתרא ט׳ — שיקט איהם גאט צו געלט און ער טוט דערמיט צדקה". „אויב איינער פארשפרייט זיין געלט אויף צדקה — ילקוט משלי תתקמ"ז — זאלסטו וויסען, אז ער פארגרעסערט דערמיט זיין געלט". „דער, וואס גיט אויף

צדקה — שמות רבה, פרשה ל"ו — פאַרקלענערט ניט דורך דעם זיינע נכסים *).

„זיי האבן אַ משל געזאָגט אין ירושלים — כתובות, ס"ו — „מלח ממון חסר": דער איינציגער וועג אויף איינצוזאַלצן געלט, עס זאָל אַ קיום האבן, איז דורך דעם, מען זאָל עס ווייניגער מאַכן דורך צדקה געבן". „אם זכית לממון — עשה ממנו צדקה בעוד שהוא בידך"—דרך ארץ זוטא, פרק רביעי— אויב דו האָסט זוכה געווען צו געלט — טהו מיט דעם צדקה, כל זמן עס האַלט זיך ביי דיר. „אם עשית צדקה תזכה לממון" — אויב דו האָסט געטאָן צדקה — וועסטו זוכה זיין צו געלט.

דורך וואָס מעהר צדקה געבען, קען דער מענש נאָר פאַר־גרעסערען דאָס רייכטום זיינס, אבער ניט פאַרקלענערען.

„אמר רבי אבהו" — ויקרא רבה, ה' — האָט רבי אבהו געזאָגט: עס שטעהט געשריבען: „השמר לך פן תעזוב את הלוי" — דברים, י"ב — היט זיך, דו זאָלסט דעם לוי ניט פאַרלאָזען. און באַלד נאָכדעם שטעהט געשריבען: „כי ירחיב ה' את גבולך" — אַז גאָט וועט ברייטער מאַכען די גרעניצען דיינע. וואָס פאַר אַ שייכות איז פאַרהאַנען צווישען די דאָזיגע צוויי ענינים, וואָס זיי שטעהען נאָהענט איינער

---

*) פריהער קומט דער פאָלגענדער מאמר: „נר מצוה" — מה הנר כשהוא דולק, אפילו אלף אלפים מיני נרות מדליקין הימנו — אור"ו במקומו". דערנאָך קומט דער אין טעקסט ציטירטער מאמר: „כך כל מי שיתן למצוה, אינו מחסר את נכסיו". און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אומעטום, וואו עס רעדט זיך אין מדרש וועגען צדקה, ווערט דאָרטען נאָר דאָס וואָרט מצוה גענוצט. אָנשטאָט דאָס וואָרט צדקה קומט דאָרטען שטענדיג דאָס וואָרט מצוה.

נעבעז דעם אַנדערעז. נאָר וואָס דעז? הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „לפי מתנותיך מרחיבין לך" — לויט די מתנות דיינע פאַר די אָרימע לייט — וועט מען דיר מרחיב גבול זיין.

עס ווערט קיינמאָל ניט — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פּרק י׳ — קיינער ניט אָרים, און קיין שום שלעכטע זאַך און קיין שום היזק ווערט ניט פאַראורזאַכט צוליעב צדקה. וואָרים עס איז געזאָגט געוואָרען — ישעיה, ל"ב — „והיה מעשה הצדקה שלום". „ווער עס גיט אַ פּרוטה צו אַן אָרימאַן — זאָגען די חז"ל אין ויקרא רבה, ל"ד — גיט איהם אויך קודשא בריך הוא פּרוטות אַ סך".

פאַרקלענערען דאָס רייכטום אונזערם קענען מיר נאָר דורך ניט געבען.

דו זאָלסט קיינמאָל ניט — האָבען מיר געלערענט *) — אָפּהאַלטען דיין האַנט פון צו געבען אַ פּרוטה צום אָרימאַן און זאָלסט ניט אָוועקנויגען די אויערען דיינע פון הערען דאָס געשריי און געבעט זיינס. וואָרים ווער עס האַלט אָפּ די האַנט זיינע צו געבען אַ פּרוטה אַן אָרימאַן, האַלט זיך אויך קודשא בריך הוא אָפּ פון טאָן גוטעס צו איהם, און ער נעהמט איהם אַוועק פון די נכסים זיינע און ברענגט איהם לידי עניות. וואָרים נכסים זענען גלייך צו „זוזים". אַזוי ווי זוזים זענען קיילעכדיג ווי אַ ראָד, אַזוי זיינען אויך נכסים אַ „גלגל החוזר בעולם". דערפאַר וואָס די נכסים זיינע זיינען פאַר איהם קיין גורם ניט געוועז, ער זאָל העלפען דעם נויטבאַדערפטיגען געבען, וועט ער אַליין אַ גורם מוזען זיין, אַז אַנדערע זאָלען דורך איהם די מצוה פון צדקה מקיים זיין.

---

*) „אלפא ביתא דבן סירא" — אויף דעם יסוד פון פיעלע פאַרשידענע מאמרים עהנליכע אין דער גמרא און מדרש.

„ועניים מרודים תביא בית“ — ישעיה, נ"ח — און די ארימע לייט, די געפלאָגטע — זאָלסטו צו זיך אין שטוב אריינברענגען — דרשענען די חז"ל אין ויקרא רבה, ל"ד — דאָס מיינט מען „די בעלי בתים שירדו מכבודם“, פון זייערע נכסים. ווער האָט זיי גורם געווען, זיי זאָלען זיין אָרימע לייט? דאָס וואָס זיי האָבען ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט צו די אָרימע לייט“. זיי האָבען ניט געוואָלט ברענגען די אָרימע לייט צו זיך אין הויז, מוזען זיי ברענגען זיך אליין — אין הויז פון אַנדערע. זיי האָבען ניט געוואָלט זייערע הייזער פאַר אָרימע לייט אָפען האַלטען, מוזען זיי דערפאַר פון זייערע הייזער פאַרוואָרפען ווערען.

„עשיר ורש נפגשו עושה כלם ה׳“ *) — ויקרא רבה, בהר, תמורה, ט"ז — עשיר, דאָס איז דער וואָס איז רייך אין נכסים. ורש, דאָס איז דער וואָס איז אָרים אין נכסים. עס באַגעגענט זיך דער אָרימאַן מיט דעם רייכען. ער זאָגט צו איהם: גיב מיר צדקה. דער רייכער גיט איהם אָבער ניט. איז: „עושה כלם ה׳“. אָט דער וואָס האָט געמאַכט דעם פאַר אַן אָרימאַן — קען ער איהם מאַכען פאַר אַ רייכען. און דער וואָס האָט געמאַכט דעם פאַר אַ רייכען, קען ער איהם מאַכען פאַר אַן אָרימאַן“.

און נקדימון בן גוריון, וואָס איז געווען איינער פון די פיער רייכסטע לייט, וואָס האָבען זיך געפונען אין ירושלים צו דער צייט פון חורבן בית שני, איז אויך פון די גרעסטע מפזרי צדקה צו יענער צייט געווען.

„זיי האָבען געזאָגט אויף איהם, אויף נקדימון בן גוריון — כתובות, ס"ו, ב׳ — אַז ווען ער פלעגט אַרויסגעהן פון זיין

*) משלי, כ"ב.

הויז אין בית־המדרש אריין, פלעגט מען איבער דעם גאנצען וועג אונטער די פיס זיינע זיידענע קליידער אויסבעטען, און די ארימע לייט פלעגען קומען און פאר זיך צונויפוויקלען זיי פון אונטער די פיס זיינע".

ווי גרויס אבער די צדקה זיינע איז געווען, איז זי נאך אלץ ניט גרויסע גענוג געווען לויט דעם רייכטום זיינעם. דע־ריבער איז נגזר געווארען חרפת רעב אויף די קינדער זיינע.

„די רבנן האבען געלערענט — דארטען: — מעשה ברבי יוחנן בן זכאי, וואס האט געריטען אויף אן אייזעל און איז ארויסגעגאנגען פון ירושלים, און די תלמידים זענען איהם נאכגעגאנגען. האט ער דערזעהן א יונגע פרוי, וואס האט געקליבען גערשטען צווישען דעם אפפאל פון אראבישע פיה. אז זי האט איהם דערזעהן, האט זי זיך אין איהרע האר איינגעוויקעלט און האט זיך געשטעלט פאר איהם.

זי האט געזאגט צו איהם: „רבי, שפייז מיך".

האט ער געזאגט צו איהר: „וועמענס טאכטער ביזטו?"

האט זי געזאגט צו איהם: „די טאכטער פון נקדימון בן גוריון בין איך".

האט ער געזאגט צו איהר: „טאכטער מיינע, דאס געלט פון דיין פאטערס הויז — וואוהין איז עס אוועקגעגאנגען?"

האט זי געזאגט צו איהם: „זאגט מען דען ניט אזא משל אין ירושלים: „מלח ממון חסר", און דער טאטע מיינער האט ניט גענוג צדקה געגעבען".

„און דאס געלט פון הויז פון שווער דיינעם — וואו איז עס?

האט זי געזאגט צו איהם: „עס איז געקומען דאס געלט פון מיין פאטער און האט אויך דאס געלט פון שווער אומגע־בראכט".

האט זי געזאגט צו איהם: „געדענקסטו, אז דו האסט זיך געחתמעט אויף מיין כתובה?“

האט ער געזאגט צו זיי, צו די תלמידים זיינע: „איך געדענק, אז איך האב זיך געחתמעט אויף איהר כתובה און איך האב געלייענט דארטען, אז עס ווערט איהר געגעבען א מיליאן גאלדענע רענדלאך פון איהר פאטערס הויז, א חוץ וואס איז איהר געגעבען געווארען פון איהר שווערס הויז“.

האט ער געוויינט רבי יוחנן בן זכאי און געזאגט: „אז וואויל איז אייך ישראל. בשעת איהר טוט דעם ווילען פון גאט, קען קיין שום אומה ולשון ניט שולט זיין אויף אייך. ווען זיי טוען אבער ניט דעם ווילען פון גאט, גיט ער זיי איבער אין די הענט פון אן אומה שפלה. און ניט נאר אין די הענט פון דער אומה שפלה אליין, נאר אין די הענט פון די בהמות פון דער אומה שפלה“.

ד.

# צדקה תציל ממות

.1

און ניט נאָר פאַרגרעסערט צדקה דאָס רייכטום פון מענשען, נאָר זי פאַרגרעסערט אויך דאָס לעבען זיינס. זי איז ניט נאָר עשירות מוסיף דעם מענשען, נאָר זי איז איהם אויך יאָהרען מוסיף.

„צדקה תציל ממות" — ווערט אין משלי, י"א, געזאָגט.

„מהו כי נר מצוה"? — פרעגט דער מדרש רבה אין שמות, ל"ו — אלא כל מי שעושה מצוה כאילו מדליק נר לפני הקב"ה ומחיה נפשו, שנקראת נר, שנאמר: נר ה', נשמת אדם" — וואָס מיינט נר מצוה? *) נאָר יעדער איינער, וואָס טוט צדקה איז גלייך ווי ער צינדט אָן אַ ליכט פאַר הקדוש ברוך הוא און גיט לעבען צו דער נשמה זיינער, וואָס ווערט אָנגערופען נר. וואָרים עס איז געזאָגט געוואָרען: „נר ה' נשמת אָדם" — משלי כ' — די ליכט פון גאָט איז די נשמה פון מענשען.

און וועגען איינעם אַ צדיק, וואָס האָט די מצוה פון

*) דער פסוק, אין וועלכען די דאָזיגע צוויי ווערטער גע־פינען זיך, לייענט זיך ווי פאָלגט: „כי נר מצות ותורה אור ודרך חיים תוכחת מוסר" — ווי אַ ליכט זענען די מצות פאַר דעם מענשען; און ליכטיגקייט איז פאַר איהם די תורה. און די מאָראַל פרעדיגען איהרע פיהרען איהם אין וועג פון לעבען.

צדקה זעהר אפגעהיט, ווערט פאלגענדע מעשה דערצעהלט אין בבא בתרא, י"א *).

בנימין הצדיק איז געווען דער ממונה איבער דער קופה של צדקה אין זיין שטאדט. איז געקומען איין מאל צו איהם א פרוי מיט איהרע זיבען קינדער און געזאגט צו איהם: „רבי, שפייז מיך". האט ער געזאגט: „אין דער קופה של צדקה געפינט זיך איצט גאר ניט".

האט זי געזאגט צו איהם: „אויב דו וועסט מיך ניט שפייזען, וועל איך און מיינע קינדער שטארבען". באלד איז ער געגאנגען און האט זי געשפייזט פון זיין אייגען געלט בסתר.

„אין א צייט ארום איז בנימין הצדיק קראנק געווארען און איז נוטה למות געווען.

„האבען די מלאכי השרת פאר קודשא בריך הוא גע־זאגט: „רבונו של עולם, דו האסט געזאגט, אז דער וואס דערהאלט ביים לעבען איין אידישע נשמה, איז גלייך ווי ער דערהאלט ביים לעבען די גאנצע וועלט. און אט דער בנימין הצדיק, וואס האט דערהאלטען ביים לעבען די אלמנה מיט איהרע זיבען קינדער און האט זיי געגעבען צדקה בסתר — ער איז זיך איצט אין צער מיתה מצטער".

„האבען זיי געבעטען רחמים אויף איהם די מלאכי השרת, און מען האט איהם נאך צוויי און צוואנציג יאהר לעבען מוסיף געווען".

„און איינמאל — ווערט אז אנדער מעשה דערצעהלט — זענען יוסף און עוזיאל געגאנגען אין וועג, האבען זיי גע־

*) דער דאזיגער ספור המעשה ווערט מיט אייניגע קליינע שנויים אויך אין אלפא ביתא דבן סירא דערצעהלט. איך גיב איהם דא איבער לויט ווי ער ווערט דארטען דערצעהלט.

זעהן צוויי ארימע לייט קומען אן פון בארג און זיי טראגען האלץ אויפן קאפ.

„האט יוסף געזאגט צו עוזיאלן: „איך זעה דא א יונגלינג, וואס טראגט האלץ אויפן קאפ. צווישען דעם האלץ געפינט זיך אן עקדיש. דער עקדיש האט אבער קיין רשות ניט געהאט צו בייסען איהם".

„האט ער גערופען דעם אינגעל און געזאגט צו איהם: „האסטו עפעס געטאן צדקה פאר דעם ראזיגען וועג?"

„האט ער געזאגט צו איהם: „איינער א אינגעל איז געגאנגען מיט מיר אין שוהל אריין, און ער איז געווען א יתום, און האט ניט געהאט וואס צו עסען. האב איך איהם געגעבען פון מיין ברויט און ער האט געגעסען צוזאמען מיט מיר".

„האבען זיי געזאגט צו איהם: „אז וואויל איז דיר, וואס דו ביזט ניצול געווארען פון טויט" *).

און אין פארבינדונג מיט דעם ענין פון צדקה תציל ממות ווערט אין דער אלטער ליטעראטור אונזערער אויך פאלגענדע וואונדער שעהנע מעשה דערצעהלט:

מעשה בבן סבר, וואס פלעגט זיך יאגען כל ימיו צדקה צו טאן.

איינמאל איז ער געוואויר געווארען, אז אין דער מדינה וואס געפינט זיך נאהענט צו איהם, געפינט זיך א יתום, וואס וויל נעהמען א ווייב, ער האט אבער ניט געהאט ניט קיין זילבער און ניט קיין גאלד, מיט וואס ער זאל זי קענען מכנים לחופה זיין.

וואס זשע האט בן סבר געטאן?

---

*) אלפא ביתא דבן סירא.

ער האט געגומען אלץ וואס ער האט געפונען אין הויז ביי זיך און איז געגאנגען און האט עס אוועקגעגעבן צו יענעם יתום.

בשעת ער האט זיך אומגעקעהרט אהיים, האט ער אנ־געטראפען אויף א טייך, וואס די לענג זיינע איז געווען פיר מייל.

און אין טייך איז געווען א פיש א גרויסער, וואס פלעגט מזיק זיין די אלע מענשען, וואס פלעגען פארבייגעהן דארטען.

נאר אז בן סבר איז צוגעקומען נעבען דעם דאזיגען פיש האט ער געמאכט פון זיך ווי א בריק און בן סבר איז איבער איהם דעם טייך אריבערגעגאנגען און ער האט איהם ניט מזיק געווען.

נאכדעם, אז ער איז שוין געווען אוועקגעגאנגען פון טייך, האט ער אנגעטראפען אויף א מענשען, וועלכער איז געווען זעהר העסליך.

האט ער געזאגט צו איהם דער העסליכער מאן:

„דו ביזט עס בן סבר?“

האט ער געזאגט צו איהם:

„יא“.

האט ער געזאגט צו איהם:

„פון וואנען קומסטו?“

האט ער איהם דערצעהלט אלצדינג, וואס האט געטרא־פען מיט איהם.

האט צו איהם יענער מאן געזאגט:

„דיין פנקס איז מיט מיר, אז עס איז געקומען די צייט דיינע, דו זאלסט זיך פון דער וועלט אפשיידען“.

און ווי דער מאן רעדט אזוי, האט אנגעהויבען דאס געזיכט פון בן סבר גרין צו ווערען.

האט ער אויפגעהויבען בן סבר די אויגען זיינע אין דער הויך און געזאגט: „רבונו של עולם, דער וואס האט זיך מתעסק געווען אין תורה און גמילות חסדים, זאל ער שטארבען אין ווייניגע יאהרען? אט דאס איז די תורה און דאס איז דער שכר פאר איהר? און דו האסט אויך גוזר געווען, איך זאל אויך חוץ לדירתי שטארבען, ווי א בהמה, און מיינע שטוב־מענשען זאלען זיך מיט מיר אפילו ניט מתעסק זיין".

איז באותה שעה א בת־קול ארויסגעגאנגען און האט געזאגט צו איהם: „אט האסטו נאך צייט ביז דו זאלסט קענען געהן שטארבען אויף דיין בעט".

ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון מלאך המות, איז ער אנגעקומען אין א שטאדט, האט ער געטראפען ביי זיין אריינגאנג אין שטאדט מענשען, וואס זיינען פון יענער שטאדט ארויסגעגאנגען.

האט ער געזאגט צו זיי בן סבר:

— געפינט זיך דא א חכם אדער א מלומד, וואס איך זאל איהם קענען מקבל־פנים זיין?

האבען זיי געזאגט צו איהם:

— דא איז פאראן א חכם א גרויסער, און דער נאמען זיינער איז שפיפון בן ליש.

איז געגאנגען צו איהם בן סבר.

אז שפיפון האט איהם געזעהן האט ער זיך זעהר גע־פרעהט מיט איהם און האט איהם געבראכט צו זיך.

האט ער געזעהן, אז זיין פנים ווערט גרין.

האט איהם שפיפון געזאגט:

— וואס איז מיט דיר, בן סבר, אפשר באדארפסטו ברויט, אדער אפשר באדארפסטו עפעס אנדערש?

האט ער געזאגט צו איהם:

— ניט ברויט באדארף איך, ניט עפעס אנדערש. איך האב כל טוב מיט זיך.

האט ער געזאגט צו איהם שפיפון:

„אויב אזוי, טא פאר וואס זשע ווערט דער פנים דיינער גרין?"

האט ער דערצעהלט איהם אלץ וואס עס האט מיט איהם געטראפען אויפן וועג.

האט צו איהם געזאגט שפיפון:

„שטארק זיך. איך האב בטחון, אז הקדוש ברוך הוא וועט דיך מציל זיין פון טויט".

אז עס זענען פינף טעג אוועקגעגאנגען, איז געקומען א גרויסער וואלקען און האט ארומגערינגעלט דאס גאנצע הויז פון שפיפון בן ליש.

האבען צו איהם געזאגט די תלמידים זיינע:

— זעהסטו ניט, ווי א וואלקען א גרויסער האט ארומגע־רינגעלט דאס הויז דיינס?

האט ער געזאגט צו זיי:

„געהט און זעהט, צי די גאנצע שטאט רינגעלט ער ארום, צי נאר דאס הויז אליין רינגעלט ער ארום?"

און באותה שעה איז דער מלאך המות געקומען צו שפיפון און האט געזאגט צו איהם:

„גיב מיר אפ דעם פקדון, וואס איך האב ביי דיר".

האט צו איהם געזאגט שפיפון:

„וואס פאר א פקדון האסטו עס ביי מיר?"

האט ער געזאגט צו איהם:

„דיין לעבען און דאס לעבען פון בן סבר".

האט ער, שפיפון, געזאגט צו איהם:

— געה דיר, געה דיר, צו דער ארבייט דיינער. דו האסט ביי מיר גאר ניט.

איז געגאנגען דער מלאך המות און האט איבערגעגעבען די דאזיגע רייד פאר כביכול.

און ער האט געזאגט פאר איהם:

„רבונו של עולם, שפיפון לאזט מיך ניט אריינקומען צו איהם אין הויז. ווארים ער האט מיך באשוואוירען מיט דעם נאמען דיינעם דעם גרויסען".

האט צו איהם הקדוש ברוך הוא געזאגט:

„געה זאג איהם: דיין לעבען, שפיפון, וויל איך ניט, נאר דאס לעבען פון בן סבר".

און שפיפון האט געענטפערט ווי פריהער.

איז באותה שעה א בת־קול ארויסגעגאנגען און האט גע־זאגט: „וואס זאל איך טאן מיט די דאזיגע צוויי צדיקים. איך האב א גזירה גוזר געווען און קען זי ניט מקיים זיין. „צדיק מושל יראת אלהים — ש"ב, כ"ג — ווער געוועלטיגט איבער מיר, וואס איך בין גוזר א גזירה, און קען זי ניט מקיים זיין? דער צדיק. צוליעב איהם מוז איך זי מבטל זיין".

און ער האט געזאגט צו די מלאכי השרת: „געהט און זייט מוסיף זיבעציג יאהר צו יעדען איינעם פון זיי — אויף די לעבענס־יאהרען זייערע".

.2

און אין „זוהר" — ויקרא, קי"א — ווערט אין צוזאמענ־האנג מיט דעם דאזיגען ענין פון „צדקה תציל ממות" די פאלגענדע מעשה דערצעהלט:

רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאנגען אין וועג. זענען זיי צוגעקומען צו א בארג. האבען זיי דארטען געטראָפען צוויי מענשען, וואס זענען געגאנגען.

דערווייל האבען זיי דערזעהן, ווי עס איז אנגעקומען א מאן, און ער האט געזאגט צו זיי:

— איך בעט אייך, גיט מיר עפּעס אפּצועסען, א שטיקעל ברויט, ווארים שוין צוויי טעג, ווי איך בלאָנדזשע ארום אין דער מדבר, און איך האב נאָך גאר ניט געגעסען.

האט זיך ארויסגערופען איינער פון די דאָזיגע צוויי לייט און האט ארויסגענומען זיין שפּייז, וואס ער האט גע־האט מיט זיך פאר דעם וועג, און האט איהם געגעבען. ער האט איהם געגעבען עסען און טרינקען.

האט צו איהם זיין חבר געזאָגט:

— וואס וועסטו טאָן מיט שפּייז? מיין שפּייז באדארף איך פאר זיך האבען.

און יענער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען ארימאן און איז געזעסען די גאנצע צייט, וואס ער האט געגעסען, ביז ער האט זיך אנגעגעסען צו זאט פון אלעם דעם, וואס עס האט זיך געפונען ביי איהם. דערנאָך האט ער איהם דאס ברויט, וואס עס איז איבערגעבליבען, מיטגעגעבען אויפן וועג און איז זיך אוועקגעגאנגען.

האט רבי חייא געזאָגט:

— גאָט האט ניט געוואלט, אז אָט דאס זאל געטאָן ווערען דורך אונז.

האט רבי יוסי געזאָגט:

— אפשר איז א גזר דין נגזר געוואָרען אויף דעם דאָ־זיגען מענשען, האט גאָט געוואָלט איהם מזמין זיין דעם דאָזיגען ארימאן, כדי ער זאל ניצול ווערען פון גזר דין.

ווי זיי זענען אזוי געגאנגען, איז אט יענער מאן פאר־חלשט געווארען אויפן וועג.

האט צו איהם זיין חבר געזאגט:

— האב איך דיר דען ניט געזאגט דו זאלסט ניט אוועק־געבען דיין ברויט אן אנדערען?

האט רבי חייא געזאגט צו רבי יוסין:

— מיר האבען דאך שפייז ביי זיך, לאמיר איהם געבען צו עסען.

האט רבי יוסי געזאגט:

— דו ווילסט אוועקנעהמען פון איהם דעם זכות? לא־מיר גיהן און זעהן. דער פלאם־פייער פון טויט האט אודאי ארומגעכאפט דעם דאזיגען מאן. האט גאט געוואלט איהם מזמין זיין א זכות, כדי צו מציל זיין איהם. דערווייל האט זיך אוועקגעזעצט יענער מאן און איז אנדערעמעלט געווארען אונטער א בוים.

און דער חבר זיינער האט זיך דערווייטערט פון איהם און איז געגאנגען מיט אן אנדער וועג.

האט רבי יוסי געזאגט צו רבי חייאן:

— איצט לאמיר זיך אנידערזעצען און זעהן, ווארים קודשא בריך הוא וויל אודאי איהם טאן א נס.

האבען זיי געווארט.

דערווייל איז צוגעקומען א שרף מיט דעם פייער־ברע־נענדען גיפט זיינעם און האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהם.

האט רבי חייא געזאגט:

ווער אויף אט דעם דאזיגען מענשען. ער וועט שטאר־בען באלד.

און רבי יוסי האט געזאגט: אז וואויל איז דעם דא־זיגען מענשען: קודשא בריך הוא וועט איהם טאן א נס.

דערווייל איז אראפגעקראכען פון בוים א שלאנג און האט איהם געוואלט טויטען.

האט זיך ארויפגעווארפען אויפן שלאנג דער שרץ און האט איהם דערהרגעט.

און ער האט א דרעה געטאן מיטן קאפ דער שרץ און איז זיך אוועקגעגאנגען.

האט רבי יוסי געזאגט:

— האב איך דיר דען ניט געזאגט, אז קודשא בריך הוא וויל איהם טאן א נס און דו זאלסט ביי איהם ניט צונעהמען זיין זכות.

דערווייל האט זיך יענער מענש אויפגעכאפט און איז אויפגעשטאנען און איז זיך אוועקגעגאנגען.

האבען זיי איהם פארהאלטען רבי חייא און רב יוסי און זיי האבען איהם געגעבען עסען.

נאכדעם וואס ער האט אפגעגעסען, האבען זיי איהם געוויזען דעם נס, וואס קודשא בריך הוא האט מיט איהם געטאן.

---

אט אזוי איז דער שכר, וואס גאט גיט צו די, וואס גיבען צדקה, אויף דער וועלט, אויסער דעם שכר, וואס איז נאך אנגעגרייט פאר זיי אויף יענער וועלט. דורך דער צדקה, וואס זיי גיבען, ווערען זיי ניצול פון דעם גיהנום אויף יענער וועלט.

מיר האבען געלערענט: „אז איינער שערט ארום זיינע נכסים — גיטין, ז׳ — און טהוט דערמיט צדקה, ווערט ער ניצול מדינה של גיהנום. צו וואס איז דאס געגליכען, צו צוויי שאף, וואס זיינען געגאנגען אין וואסער: איינע אן אפגעשארענע, און איינע ניט קיין אפגעשארענע. די גע־

שאַרענע איז דורכגעגאַנגען דאָס וואַסער, און די ניט־גע־שאַרענע איז ניט דורכגעגאַנגען".

און נאָר דער זכות פון צדקה איז רבי ייסאַן בייגעשטאַ־נען, ער זאָל האָבען די זכיה צו שטאַרבען אין דער „אדרא קדישא" פון רבי שמעון בן יוחאי.

אַ אַרימאַן — ווערט דערצעהלט אין „זוהר" — בשלח, ס"א — איז געווען אין שכנות פון רבי ייסא. האָט ער ניט געהאַט, ווער עס זאָל אויף איהם השגחה געבען.

און אַליין איז ער געווען אַ שעמעוודיגער און האָט ניט געקענט צושטעהן צו מענשען.

אין אַ געוויסען טאָג איז ער קראַנק געוואָרען. איז אַריינ־געגאַנגען צו איהם רבי ייסא.

האָט ער דערהערט אַ קול: „אַ נשמה פליהט צו מיר און עס האָט נאָך איהר שטונדע ניט געשלאָגען. אַז וועה איז צו די שטאָט־מענשען זיינע, וואָס עס האָט זיך קיינער ניט געפונען צווישען זיי, וואָס זאָל איהם דערהאַלטען ביי דער נשמה זיינער".

איז געגאַנגען רבי ייסא און האָט איהם איינגעגעבען אַ געטראַנק אַזאַ אויף צו שוויצען.

האָט אַרויסגעזעצט אַ שווייס אויף זיין פנים און די נשמה זיינע האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט.

נאָכדעם איז ער געקומען און האָט איהם געפרעגט. האָט ער געזאָגט צו איהם:

— ביי' דיין לעבען, רבי. מיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען פון מיר און איז צוגעקומען צו דער שטול פון מלך. זי האָט שוין געוואָלט בלייבען דאָרטען, נאָר קודשא בריך הוא האָט דיך געוואָלט מזכה זיין. זיי האָבען אויסגערופען וועגען דיר: „ער איז אָנגעברייט רבי ייסא, ער זאָל די נשמה

זיינע אפנעבען אין דער אקאדעמיע דער היילינער, וואס די חבריא איז אנגעברייט צו גרינדען אויף דער ערד. זאלען דריי שטולען צוגעגרייט ווערען" *).

*) צוזאמען מיט רבי יוסאן זיינען אויך געשטארבען דאן אין דער אדרא רבי יוסי בר יעקב און רבי חזקית.

ה.

# מען טאָר אויף צדקה ניט קאַרגען

צדקה באַדאַרף מען מיט אַ ברייטער האַנט געבען. מען קען שפּאָרען אויף זיך, אָבער ניט אויף צדקה.

מען קען פאַר זיך קאַרג זיין, אָבער ניט פאַר די אָרימע לייט.

„עס איז געווען אַ מאָל אַ מאַן — ווערט דערצעהלט אין אסתר רבה פּרשה ב׳ — מיט דעם נאָמען כרבוהין. זענען רבותינו געגאַנגען צו איהם וועגען „מגבת חכמים”, איינצו־מאַהנען געלט צו מפרנס זיין די תלמידי חכמים.

„האָבען זיי געהערט, ווי דער זוהן האָט געזאָגט צום טאַטען: „וואָס וועלען מיר היינט עסען? דעם טרוקסמון *), וואָס מען פאַרקויפט איינעם פאַר אַ מנה **), אָדער דעם, וואָס מען פאַרקויפט צוויי פאַר אַ מנה? וואָרים ווייל זיי זענען פאַרדאַרט און פאַרטריקענט, פאַרקויפט מען זיי בזול”.

„האָבען די רבנן, די גובים געמיינט, אַז ער איז אַן אָרימאַן.

„זענען זיי געגאַנגען פריהער איינמאַהנען אין שטאָט און נאָכדעם זענען זיי געגאַנגען צו איהם.

„און ער האָט זיי אַ זעהר שעהנע נדבה געגעבען.

„און אַז זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז זיי האָבען גע־מיינט, אַז ער איז זעהר אָרים, וואָרים זיי האָבען געהערט,

*) אַזאַ גרינס אָדער פרוכט.

**) אַזאַ מטבע.

ווי ער קארגט אויף זיך אזוי, האט ער זיי געענטפערט:
„אויף מיר אליין מעג איך קארגען, אויף דער מצוה פון צדקה אבער פון באשעפער, קען איך ניט און טאר ניט קארגען".

---

און ניט נאר אויף די סאמע נויטווענדיגסטע זאכען אליין באדארפסטו דעם ארימאן דיין הילף געבען. דו דארפסט איהם העלפען צו דערגרייכען אלצדינג אין וועלכען ער נויטיגט זיך, ניט נאר דאס וואס דו דענקסט, אז ער נויטיגט זיך אין דעם. דו דארפסט איבער איהם קיין שופט ניט זיין. דערפאר וואס דו גיסט איהם דיין הילף, דארפסטו איהם ניט דיקטירען, ווי אזוי צו לעבען, וואס ער קען זיך יא ערלויבען, אדער וואס ער קען זיך ניט ערלויבען.

ניט דער, וואס האט געלט דוקא, מוז האבען הרחבת הדעת גרויסען אין לעבען. אפטמאל דארף עס דוקא דער ארימאן האבען. עס זענען דא נגידים מיט קבצנישע נשמות. און פארקעהרט, קבצנים מיט נגידישע נשמות. פאר איהם קען א מאל א געוויסער לוקסוס פונקט אזוי נויטיג זיין, ווי די סאמע נויטיגסטע זאכען אין לעבען. אויך אט דעם לוקסוס דארפסטו דעריבער איהם העלפען דערגרייכען. דו באדארפסט איהם דיין הילף געבען ניט נאר דארויף דו זאלסט איהם נאר ביים לעבען דערהאלטען.

„מר עוקבא — ווערט דערצעהלט אין כתובות ס"ז — איז געווען אן ארימאן ביי איהם אין שכנות, וואס ער פלעגט איהם שיקען אלע ערב יום כפור פיער הונדערט „זהובים".

„איין טאג האט ער געשיקט צו איהם דאס געלט דורך זיין זוהן.

„איז ער געקומען צוריק און געזאגט צו זיין פאטער:
„ער באדארף שוין ניט".

„האט ער געזאגט צו איהם:
„וואס האסטו דען געזעהן?"
„האט ער געזאגט:
„איך האב געזעהן, אז מען גיסט איהם אז אלטען וויין".
„האט ער געזאגט: „אזוי, אזא מפונק איז ער" — און ער האט פארדאפעלט די סומע און איהם צוגעשיקט.

און איינער — דארטען — איז א מאל געקומען צו רבאן. האט רבא איהם געפרעגט: „פון וואס באשטעהט די סעודה דיינע?"

האט ער צו איהם געזאגט:
„פון א געשטאפטען הוהן און אלטען וויין".
האט רבא צו איהם געזאגט:
„און דו האסט גאר קיין מורא ניט פאר „דוחקא דצבורא". ניט פאלען צו לאסט אויף יענעם?"
האט ער איהם געענטפערט:
„צי דען פון זייערס עס איך? פון גאטס עס איך, ווי מיר האבען געלערענט — תהלים, קמ"ה: — „עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו" — די אויגען פון אלע קוקען ארויס צו דיר און דו גיסט זיי זייער עסען אין צייט. איז דערפון געדרונגען, אז יעדען איינעם שיקט גאט צו זיין פרנסה אין צייט *).

*) אין דער גמרא דארטען קומט נאך דער פאלגענדער סוף צום אין טעקסט געבראכטען ספור המעשה:

דערווייל, ווי זיי רעדען אזוי, איז אנגעקומען רבאס שוועסטער, וועלכע האט איהם שוין דרייצעהן יאהר ניט געזעהן, און זי האט געבראכט מיט זיך פאר איהם א געשטאפטע הוהן מיט אלטען וויין.

האט ער זיך אנגערופען רבא: „וואס טהוט זיך דא אזוינס?

און אויב דער ארימאן איז צוגעוועהנט צו א פערד צו רייטען אויף איהם און א קנעכט צו לויפען פאר איהם, באַדאַרף מען איהם אויך דאָס געבען.

עס שטעהט אין דער תורה — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק שביעי — אז מען באַדאַרף געבען דעם אָרימאַן „די מחסורו אשר יחסר לו", מיינט דאָס, אז דו ביזט מחויב צו געבען דעם אָרימאַן לויט דעם, וואָס עס פעהלט איהם.

„אויב ער האָט קיין מלבושים ניט, באַדאַרף מען איהם געבען מלבושים. אויב ער האָט קיין כלי בית ניט, קויפט מען איהם כלי בית. אויב ער האָט קיין פרוי ניט, באַדאַרף מען איהם חתונה מאַכען.

„און א פרוי איז אויך דאָס איינענע.

„אפילו אז דער שטייגער פון דעם דאָזיגען ארימאן איז געווען צו רייטען אויף א פערד און א קנעכט איז פאר איהם געלאָפען, באַדאַרף מען קויפען פאַר דעם דאָזיגען אָרימאַן, וואָס איז א יורד מנכסיו געוואָרען, א פערד צו רייטען אויף איהם און א קנעכט צו לויפען פאַר איהם. ווארים עס שטעהט געשריבען: „די מחסורו אשר יחסר לו — דברים, ט"ו — לויט דעם וואָס עס פעהלט איהם. ביזט נאָר ניט מחויב איהם צו מאַכען ווידער פאַר אַן עושר. דו באַדאַרפסט איהם אָבער געבען אַלץ, צו וואָס ער איז צוגעוועהנט געוואָרען.

---

וואָס איז פלוצלונג מיין שוועסטער מיט די דאָזיגע מתנות פאַר מיר געקומען ?"

און ער האָט געזאָגט צום אָרימאַן :

— נעניתי לך. איך גיב זיך אונטער. איך האָב צופיעל גערעדט. געה עסען.

„און א יתום — שרייבט ווייטער דער רמב"ם — וואס די צייט איז געקומען צו חתונה מאכען איהם, דינגט מען פאר איהם א הויז, און מען שאפט פאר איהם א בעט און די אנדערע כלי בית, און נאכדעם גיט מען איהם א פרוי.

„און זיי האבען געזאגט — ווערט דערצעהלט אין כתובות, ס"ז — אויף איהם, אויף הלל הזקן, אז ער האט גענומען פאר איינעם אן עני בן טובים א פערד צום רייטען און א קנעכט צו לויפען. איינמאל האט ער ניט געקענט קריגען פאר איהם קיין פערד צו לויפען, איז ער אליין געלאפען פאר איהם דריי מייל".

ה.

# אלע זענען מחויב צדקה צו געבען

אלע זענען מחויב צדקה צו געבען, אפילו די, וואס לעבען אליין אין דחקות. ווארים ווי געדריקט דיין מצב זאל ניט זיין, געפינען זיך פיעלע אנדערע, וואס זייער מצב איז נאך ערגער. ווי גרויס עס זאל ניט זיין די דחקות אין וועלכער דו לעבסט, געפינען זיך פיעלע אנדערע, וואס לעבען אין א נאך גרעסערער דחקות.

„אז א מענש זעהט — גיטין ז׳ — אז זיינע מזונות זענען בצמצום, זאל ער נאך אלץ *) טאן צדקה.

מען באדארף קענען געבען צדקה ניט נאר ווען מען האט צו געבען, נאר אויך ווען מען האט ניט, ווען מען לעבט אליין אין דחקות, ווען מען איז אליין אן ארימאן.

אויב דו האסט אליין קיין אנדער וועג ניט זאט צו מאכען דעם הונגעריגען נאר דורך דעם, דו זאלסט זיך מיט איהם מיט דיין מאלצייט טיילען, זאלסטו אויך דאס טאן.

דו וועסט ניט שטארבען, אויב דו וועסט א שטיק צייט עסען נאר א העלפט פון דעם, וואס דו באדארפסט עסען. אויב ער וועט אבער גאר ניט עסען — וועט ער יא שטארבען.

און ניט נאר דער וואס לעבט אין דחקות, איז מחויב צדקה צו געבען.

---

*) די ווערטער „נאך אלץ" גיטא דארט.

„נאר אפילו דער וואס לעבט אליין פון צדקה", אפילו דער איז מחויב צדקה צו געבען, לויט די ארימע כחות זיינע.

צדקה קען זעהר פיעל אויפטאן, ניט נאר ווען זי ווערט אין גרויסע סומען געגעבען. מען קען א מאל זעהר פיעל אויפטאן אויך מיט א קליינינקייט.

„עס שטעהט געשריבען — ווערט געזאגט אין בבא בתרא, ט׳ — „וילבש צדקה כשריון" *). אזוי ווי דער שריון — פאנצער — איז דאך יעדער קלפה — שופען — אין איהם ווערט מצטרף צו א גרויסען שריון, אזוי איז אויך צדקה. יעדער פרוטה ווערט צו א גרויסען חשבון מצטרף".

מיט א קליינינקייט קען מען א מאל איינעם ביים לעבען דערהאלטען.

אז ארימאן איז א מאל צונעקומען — ווערט אין „זוהר", בשלח, ס"א, דערצעהלט — צו רבי יצחקן. און רבי יצחק האט געהאט ביי זיך נאר א האלבע זילבערנע מעה.

האט ער געזאגט צו רבי יצחקן:

„דערהאלט מיך און מיינע זיהן און מיינע טעכטער ביי די נשמות אונזערע".

האט ער צו איהם געזאגט:

„ווי אזוי קען איך אייך דערהאלטען ביי אייערע נשמות, אז איך האב ביי זיך ניט מעהר, ווי נאר א האלבע זילבערנע מעה".

האט ער צו איהם געזאגט:

„אט די האלבע מעה מיט דער אנדערער האלבער מעה, וואס איך האב ביי זיך, וועט זיין גענוג".

---

*) ישעית, נ"ט.

„האבען זיי איהם געוויזען אין חלום, אז ער איז פאר־ביינעגאנגען דעם ברעג פון גרויסען ים, און מען האט איהם געוואלט אריינוואַרפען אהין. האט ער דערזעהן רבי שמעונען, ווי ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט אנטקעגען איהם צו נעהמען איהם צו זיך, און דער ארימאן איז געקומען און האט איהם אוועקגענומען און איבערגעגעבען איהם אין די הענט פון רבי שמעונען, און ער איז ניצול געוואָרען.

און אין ויקרא רבה, בהר, ווערט געזאגט:

צי דען נאר א פרוטה גיט ער דעם ארימאן? ער גיט דאך איהם די נשמה זיינע.

הא כיצד? ווי אזוי קומט אויס, אז ער גיט איהם די נשמה זיינע?

א ברויט קאסט, למשל, צעהן פרוטות. שטעהט דער ארימאן אין מארק און האט ניט מעהר ווי ניין. קומט צו איינער און גיט איהם א פרוטה. נעהמט דער ארימאן דעם ברויט און עסט איהם אויף און דערהאלט די נשמה אין זיך.

און אט אויף יענעם מענשען זאגט הקדוש ברוך הוא:

„דו אויך, ווען די נשמה דיינע וועט וועלען ארויסגעהן פון איהר נוף, וועל איך זי דיר אומקעהרען".

---

אט אזוי באדארף יעדער איינער צדקה געבען וויפיעל ער קען און מעהר וויפיעל ער קען. „כל הפושט יד נותנים לו", באזונדערס, ווען די אויסגעשטרעקטע האנט בעט עסען.

אז ארימאן ווען מען קען ניט — פארמולירט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק שביעי, דעם פסק הלכה וועגען דעם דאזיגען ענין — וואס זאגט: איך בין הונגעריג, גיט מיר עסען, איז מען ניט בודק נאך איהם, צי ער איז ניט קיין רמאי, נאר מען שפייזט איהם באלד. ווען ער איז געווען ניט אנגעטאן און האט געזאגט:

טוט מיך אן — זוכט מען נאך וועגען איהם, צי ער איז ניט קיין שווינדלער. אויב אָבער מען קען איהם — טוט מען איהם אן באַלד לפי כבודו. מען באַראַרף גאר ניט נאכזוכען וועגען איהם.

---

„כל הפושט יד נותנים לו" — מיר טאָרען קיין אָרימאַן מיט לעדיגען ניט אַוועקשיקען פון אונז, סיידען מיר האָבען קיין געלט ניט ביי זיך. ווען מיר האָבען אָבער געלט ביי זיך, מעג עס אפילו די קלענסטע סומע זיין, באַדאַרפען מיר דאָן אונזער הילף דעם אָרימאַן געבען.

פונקט אַבער ווי אונזער געבען צדקה באַראַרף בסבר פנים יפות זיין, אַזוי באַראַרף אויך אונזער ניט געבען בסבר פנים יפות זיין. אויב דו קענסט איהם קיין נדבה ניט געבען, גיב איהם כאַטש דיין מיטגעפיהל.

„ותפק לרעב נפשך" — ישעיה, נ"ח — און דו זאָלסט דעם הונגעריגען דיין נשמה אַנטקעגען טראָגען — האָט ריש לקיש געזאָגט — ויקרא רבה, בהר, צום סוף — אויב דו האָסט ניט צו געבען איהם — טרייסט איהם מיט רייד. זאָג איהם: ביז צום שטאַרבען פאַרדריסט עס מיך *), וואָס איך האָב דיר ניט וואָס צו געבען.

האָט דער אָרימאַן געבעטען — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק י' — ביי דיר און דו האָסט איהם גאָר ניט וואָס צו געבען, בעט איהם איבער מיט רייד.

און על אחת כמה וכמה אז דו טאָרסט ניט אויסלאָזען אויף איהם דיין כעס, דיין פאַרביטערטקייט, וואָס דו ביזט

---

*) „תצא נפשי עליך, שאין לי מה ליתן לך". און זעה במדבר רבה, בלק, אויף דעם פסוק „תמות נפשי מות ישרים".

אליין אַן אָרימאַן; אַרויסווייזן בייזקייט, פאַרדרוס צו איהם, וואָס דורך דעם, וואָס ער ווענדעט זיך צו דיר נאָך הילף, דערמאָנט ער דיך אין דיין אייגענער הילפלאָזיגקייט. זיי ניט בייז. דאַנק גאָט, וואָס ווי אָרים דו ביזט ניט, האָט ער דיך אָבער ניט געשטראָפט, דו זאָלסט אַ פּושט יד זיין. פאַרנעם ניט, אַז ווי טרויעריג עס איז דיר ניט אויפן האַרצען, איז איהם נאָך מעהר טרויעריג.

מען טאָר זיך ניט בייזערען — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פּרק י׳ — אויף אַן אָרימאַן און מען טאָר ניט שרייען אויף איהם. און אַז וועה איז דעם, וואָס האָט מבייש געווען אַן אָרימאַן. אַז וועה איז איהם. מיר באַדאַרפען, ווי אַ פאָטער זיין צו איהם, אי מיט רחמנות, אי מיט רייד.

ז.

## אליין געבען און מאַכען יענעם געבען

יעדער איינער קען געבען צדקה. ווי איינער זאל ניט זיין ארים, קען ער מקיים זיין די מצוה פון צדקה.

אפילו דער, וואס קען אליין ממש גאר ניט געבען, קען די מצוה פון צדקה מקיים זיין.

ער קען מאַכען אנדערע צו געבען.

און מאַכען אנדערע צו געבען צדקה איז נאך א גרע־סערע מדרגה, ווי אליין געבען.

„דער, וואס ברענגט אנדערע צו געבען צדקה — זאגט דער רמב״ם אין הלכות מתנות עניים, פרק י׳, הלכה ו׳ — איז זיין שכר גרעסער פון דעם, וואס גיט אליין.

„גדול המעשה — ווערט אין בבא בתרא, ט׳, געזאגט — יותר מן העושה, שנאמר — ישעיה, ל״ב: — „והיה מעשה הצדקה שלום״ *), גרעסער איז דער, וואס איז מעורר אנדערע צו טאן צדקה, ווי דער, וואס טוט אליין צדקה, ווארים עס איז געזאגט געווארען: „והיה מעשה הצדקה שלום״.

---

*) אַזוי איז דער פשט לויט רש״י און אַזיך לויט דעם רמב״ם. לויט דעם פירוש רבינו גרשום אָבער ווערט דאָס אַרויס־געדרונגען פון סוף פסוק: „ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם״. און אין מדרש „גדול וגדולה״: „אל תקרא מעשה, אלא מעושה״.

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס די חז״ל האָבען דאָס ברענגען אַנדערע צו געבען צדקה אויף אַ גרע־סערער מדרגה פון אַליין געבען צדקה געשטעלט.

אַט אַזוי איז שוין די טבע פון פיעלע מענשען, אַז ווען דו ווענדסט זיך צו זיי נאָך אַ טובה פאַר אַ פרעמדען, צי פאַר זיך, האַלטען זיי זיך דאָ, ווי אַן אויבערהאַר איבער דיר. אין דעם מאָמענט, ווען דו בעטסט ביי זיי הילף פאַר אַן אַנדערען, באַציהען זיי זיך צו דיר גלייך ווי דו אַליין וואָלסט צו זייער הילף דאַרפען אַנקומען, גלייך ווי דו וואָלסט פון זייער חסד אָפּהענגיג געוועזען.

זיין אַ פּושט יד פאַר יענעם, הייסט דעריבער אין אַ געוויסער מאָס, ווי זיין אַ פּושט יד פאַר זיך אַליין. אויך דאָס אַנקומען צו יענעם פאַר אַ פרעמדען אפילו, הייסט דעם פּנים זיך פאַרשוואַרצען, דערנידעריגט זיך פיהלען.

און דעריבער איז פאַר מאַנכע, ווירקליך, אַ סך גרינגער דעם אייגענעם לעצטען ביסען פון מויל אוועקגעבען צו דעם וואָס נויטיגט זיך אין הילף, איידער געהן בעטען הילף פאַר איהם ביי אַן אַנדערען.

ווי שווער דאָס זאָל אָבער אונז ניט זיין, מוזען מיר עס טאָן.

מיר קענען זיך ניט באַפרייען פון אונזער פליכט צו מאַכען אַנדערע צדקה צו געבען דורך דעם, וואָס מיר שטרענ־גען זיך אָן איבער אונזערע כחות צדקה צו געבען.

מיר קענען ניט יוצא זיין פאַר דעם אָרימאַן, וואָס דאַרף צו אונזער הילף אַנקומען, דערמיט, וואָס מיר גיבען איהם אונזער לעצטען ביסען אוועק. ער דאַרף מעהר ווי דאָס האָבען. עס האַנדעלט זיך ניט אין דעם. מיר זאָלען פאַר זיך אַליין יוצא זיין, אַז מיר האָבען די מצוה פון צדקה מקיים

געוועז. עס האנדעלט זיך אין דעם, מיר זאלעז דעם ארימאז, דעם נויטבאדערפטיגעז, ממשותדיגע הילף געבעז.

ווען מיר שטויסען זיך דעריבער אן אויף א נויט, וואס מיר קענען זי אליין ניט לינדערען, דארפען מיר טאן אלץ, וואס איז נאר אין אונזערע מעגליכקייטען, זי זאל דורך אנדערע געלינדערט ווערען. מיר קענען זיך נאך ניט פיהלען באפרייט פון אונזער פליכט נאר דורך דעם, וואס מיר האבען אונזער טייל אפגעגעבען. אונזער באפרייאונג קומט ערשט מיט דעם מאמענט פון דער באפרייאונג פון דעם ליידענדען פון דער נויט זיינער.

געהט צו דיר צו דיינער א באקאנטער און זאגט דיר, אז ער באדארף האבען א געוויסע סומע געלט, מוזט דו זי פאר איהם שאפען. עס איז ניט קיין תירוץ, וואס דו אליין ביזט א קבצן. עס איז דיין חוב באלד צו דעם ערשטען בעסטען פריינד אדער באקאנטען דיינעם, וואס דו קענסט אין דעם מאמענט דערגרייכען, געהן און זאגען צו איהם: נויט און ארימקייט האבען זיך צו מיר אט ערשט נאך הילף געווענדעט. עס איז אבער פאר מיר אויסער יעדער מעגליכ־קייט צו טאן עס. זיי דעריבער גוטהארציג, האב רחמנות, און גיב דו דיין הילף צו דעם אומגליקליכען.

און אויב דער זאגט דיר אפ, געה זוך דיר אויף אן אנ־דערען. שפאר ניט קיין מיה. קארג ניט קיין צייט. איך פארזיכער דיר, אז דיין ארבייט וועט ניט זיין ארויסגעווארפען, אז דיין מיה וועט מיט ערפאלג זיין געקרוינט, אז דו וועסט סוף־כל־סוף דיין ציעל דערגרייכען.

אמת, עס וועט דיר מעגליך דער ענין פיעל שפיכת־דמים קאסטען; דו וועסט אפשר דארפען אויסשטעהן בא־ליידיגונגען, ערנידעריגונגען. דו דארפסט אבער דאס אלץ מקבל באהבה זיין. ווי גרויס דיין שפיכת דמים וועט ניט

זיין, וועט זי נאָך אַלץ ניט זיין אַזוי גרויס, ווי גרויס עס וועט זיין די שפיכת־דמים פון דעם אומגליקליכען, ווען ער וועט די הילף, אין וועלכער ער נויטיגט זיך, ניט געפינען. דאַנק גאָט, וואָס נאָך אַלעמען געהסטו דאָך ניט פאַר זיך בעטען.

---

און אַ׳ וואויל איז דעם, וואָס קען זיך אַזוי הויך דערהויבען, ער זאָל אויף דעם דאָזיגען אופן די מצוה פון צדקה מקיים זיין. די דאָזיגע מדרגה מוז, ווירקליך, אַלס די העכסטע מדרגה אין צדקה, וואָס מיר קענען זיך נאָר פאָרשטעלען, באַטראַכט ווערען. ווי שווער עס איז צו דערגרייכען זי, אַזוי גרויס איז זי.

פיעל זענען די, וואָס קענען דעם לעצטען ביסען פון מויל יענעם אַוועקגעבען.

פיעל זענען די, וואָס קענען היינט זייער איינציגען דאָלאַר, וואָס זיי וועלען מאָרגען אָדער היינט נאָך פאַר זיך אַליין דאַרפען, אַוועקגעבען.

ווער פון אונז אָבער קען אָט די מדרגה פון מאַכען יענעם צו געבען, מקיים זיין.

מיר מוזען זיך אָבער איינבּרעכען, מיר זאָלען זי יא קענען דערגרייכען.

עס ליגט אפשר ניט אויף אונז דער חוב, מיר זאָלען געהן די נויט זוכען, כדי מיר זאָלען דאָרטען, וואו זי געפינט זיך, אונזער הילף ברענגען. מיר זאָלען געהן זוכען די אַלע ערנידעריגטע און באַליידיגטע, די אַלע פון לעבען פאַרפאַלגטע און געפּלאָגטע.

ווי איז אָבער, אַז מיר שטויסען זיך אָן אויף זיי, אַז מיר טרעפען זיך פנים־אל־פנים מיט זיי?

צי קענען מיר ניט, אלס פארברעכער באצייכענט ווערען ווען מיר זעהען דעם אין אהנמאכט צו דער ערד געפאלענעם פאר אונזערע אויגען, און מיר טוען ניט אלץ, וואס אין אונזער מעגליכקייט, מיר זאלען איהם פון דער ערד אויפ־הויבען און צוריק צו זיינע כחות ברענגען?

צי קענען מיר זיך ניט אלס הורגי נפש באטראכטען, ווען מיר זעהען איינעם פאר אונזערע אויגען אויסגעהן און מיר טוען ניט אלץ, וואס אין אונזער מעגליכקייט, מיר זאלען איהם ביים לעבען דערהאלטען?

צי זענען מיר ניט קיין פארברעכער, ווען דער אומגליק־ליכער קלאפט אין די טירען אונזערע, און מיר מאכען זיך ניט וויסענדיג און ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג?

ח.

## די וואָס זאָגען צו און זענען ניט מקיים

אַט אַזוי באַדאַרף יעדער איינער אַליין געבען צדקה און זעהן, אַז אויך אַנדערע זאָלען געבען. ער באַדאַרף ניט נאָר אַן עושה אַליין זיין, נאָר אויך אַ מעשה.

פיער מדות — האָבען אונז די חז"ל אין „אבות", פרק ה', געלערענט — זענען ביי נותני צדקה פאַרהאַן: דער וואָס וויל, ער אַליין זאָל געבען און אַנדערע זאָלען ניט געבען — איז זיין אויג שלעכט אויף דעם, וואָס אַנדערע פאַרמאָגען; אַז אַנ־דערע זאָלען געבען, נאָר ער זאָל ניט געבען — איז זיין אויג שלעכט אויף דעם, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט. ער זאָל געבען און אַנדערע זאָלען אויך געבען — דער איז אַ חסיד. ער זאָל ניט געבען און אַנדערע זאָלען ניט געבען — איז ער אַ רשע.

און נאָך אַ גרעסערער רשע איז דער, וואָס זאָגט צו געבען צדקה און איז זיין צוזאָג ניט מקיים.

די דאָזיגע מענשען זענען מיט דעם אַקט פון זייער צדקה געבען ניט גאָט און ניט די אָרימע לייט אויסען. ניט זיי מיינען דורך זייער צדקה געבען גאָטס געבאָט מקיים צו זיין, און ניט זיי מיינען דורך דעם די נויטבאַדערפטיגע צו העלפען. וואָס זיי ווילען — איז נאָר מציאות איינצו־האַנדלען. זיי ווילען ביידע זאַכען: אַי ביי זייער געלט בלייבען, אַי אַלס בעלי צדקה צו שמען. אַי כבוד האָבען, אַי עס זאָל זיי קיין געלט ניט קאָסטען.

און דערפאר זענען זיי אומעטום דא. זיי זענען „קופצים בראש" אומעטום. ביי אלע געלט־זאמלונגען לאזען זיי זייערע שטימען הערען, זיי רופען זיך באלד די ערשטע אפ מיט זייערע ביישטייערונגען. אז עס קומט אבער צום אפצאהלען די סומען, וואס זיי האבען זיך פארפליכטעט צו צאהלען, זענען זיי אפילו פון די לעצטע ניט. צו וואס דארפען זיי נאך דעם נדר אפצאהלען? זיי האבען שוין זייערס דער־גרייכט. די וועלט ווייסט שוין, אז זיי זענען בעלי צדקה גרויסע. דאס ביסעל כבוד, וואס זיי האבען געוואלט בא־קומען אויף דעם חשבון פון מענשליכען אומגליק. אויף דעם חשבון פון מענשליכע ליידען, האבען זיי שוין דערגרייכט.

און ניט נאר איז א פארברעכען א גרויסער נאר איינ־גאנצען די צוגעזאגטע סומע ניט אפצוגעבען, עס איז א פארברעכען אויך דאן, ווען מען גיט זי ניט אין דער פולער מאס אפ.

„אל תתן את פיך לחטיא את בשרך" — קהלת, ה׳ — דו זאלסט ניט לאזען דאס מויל דיינס צו פארזינדיגען דיך.

רבי יהושע בן לוי — קהלת רבה, פרשה ה׳ — האט איינ־געטייטשט דעם פסוק אויף די, וואס זענען פוסקי צדקה און גיבען ניט אפ.

„ואל תאמר למלאך" — און דו זאלסט ניט זאגען צום מלאך, דאס מיינט צום חזן *), „כי שגגה היא": איך האב חרטה דארויף. „למה יקצוף האלהים על קולך" — פאר וואס זאל גאט זיין אין כעס אויף דיין קול, אויף דעם קול, וואס דו האסט ארויסגעבראכט, אויף די רייד, וואס דו האסט גע־רעדט — „וחבל את מעשי ידיך" — און ער וועט פארדארבען דאס טהאן פון דיינע הענט — דאס ביסעל מצות, וואס איז

*) וואס רופט די נדרים אויס.

אין דער האַנט פון יענעם מאַן — וועט גאָט אַריינברענגען אין דעם א קללה — און וועט עס מאַכען פאַרלירען פון איהם.

די סומע, וואָס דו האָסט זיך מתחייב געווען צו געבען אויף צדקה, געהערט שוין ניט צו דיר. זי באַלאַנגט צו די אומגליקליכע, צו די אָרימע לייט. דו הייסט דעריבער א „גוזל את העניים", אויב דו צאָהלסט דיין התחייבות ניט אָפּ. עס איז גלייך, ווי דו וואָלסט אַריינגעשטעקט דיין האַנט צום אָרימאַן אין קעשענע און ביי איהם פון דאָרט דעם לעצטען גראָשען זיינעם אַרויסגענומען, גלייך ווי דו וואָלסט ביי איהם דעם מאָגערען ביסען פון מויל אַרויס־געריסען.

ט.

# כל הפושט יד נותנים לו

און פונקט ווי יעדער איינער באַדאַרף צדקה געבען, אַזוי באַדאַרף אויך יעדער איינער קענען נהנה זיין פון איהר.

„כל הפושט יד נותנים לו"... דער וואָס שטרעקט נאָר אַ האַנט אויס — דעם דאַרף מען געבען. „מצוה ישראל לעשות חסד למי שהוא" — מדרש תהלים, נ"ב — אַ איד באַדאַרף חסד טאָן מיט יעדען, וואָס ווענדעט זיך צו איהם.

קלעהר ניט איבער צופיעל. טראַכט ניט איבער צופיעל. האָב קיין מורא ניט, טאָמער וועסטו אין אַ אָדם שאינו הגון נכשל ווערען, טאָמער איז דער, וואָס שטעהט פאַר דיר וואָס בעט הילף ביי דיר אַ שווינדלער. פאַר דיר וועט קיין גרויסער אומגליק ניט זיין אויב דו וועסט איהם העלפען, אפילו אויב ער נויטיגט זיך ניט. אויב ער נויטיגט זיך אָבער יאָ, וועט פאַר איהם יאָ אַ גרויסער אומגליק זיין, אויב דו וועסט פון איהם צוליעב דיין איבערטראַכטען דיין הילף פאַרמיידען.

עס זענען אויך אַזוינע מענשען פאַראַן, וואָס האַלטען זיך אין איין באַזאָרגט זיין, וואָס אַזוי פיעל אָרימע לייט באַנזלענען די וועלט. זיי קענען זיך ניט באַרוהיגען, אַמאַי עס געפינען זיך צווישען די אָרימע לייט אַזוינע, וואָס בעטען הילף, כאָטש זיי זענען אין אמתען גאָר פאַרמעגליך, וואָס עס זענען צווישען זיי אויך פאַרהאַן אַזוינע, וואָס בעטלען, שנאָרען, כאָטש זיי זענען געזונט געזונג, זיי זאָלען קענען געהן אַרבייטען. דו זאָלסט ניט זיין צווישען די דאָזיגע מענשען.

ווארים גאטס קללה רוהט אויף די דאזיגע מענשען.

דער רשע זאגט צום אָרימאַן — האָבען מיר אין מדרש ויקרא רבה, פרשה ל״ד, געלערענט — פאַרוואָס געהסטו ניט אַרבייטען, דו זאָלסט האָבען אויף חיונה? זעה נאָר, וואָס פאַר שענקלען ער האָט, זעה נאָר, וואָס פאַר פיס ער האָט; זעה נאָר, וואָס פאַר אַ בויך ער האָט; זעה נאָר, וואָס פאַר אַ בעל בשר ער איז. האָט צו איהם קודשא בריך הוא גע־זאָגט: ניט גענוג פאַר דיר, וואָס דו האָסט איהם פון דיינס גאָר ניט געגעבען. נאָר וואָס דען? אויך אין דעם, וואָס איך האָב איהם געגעבען, האָסטו אַן עין הרע אריינגעבראַכט. דערי־בער „והוליד בן ואין לו מאומה״ — קהלת ה׳ — פון אַלעם דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, וועט ער גאָר ניט פאַר זיין זוהן איבערלאָזען.

---

זאָרג זיך ניט, די אָרימע לייט זאָלען, חלילה, די וועלט ניט באַגזלענען. זעה בעסער, דו זאָלסט די אָרימע לייט ניט באַגזלענען.

נאָך אַלעמען איז די צאָהל פון די נויטבאַדערפטיגע אין לעבען אַזוי גרויס, אַז וויפיעל מיר זאָלען ניט געבען, וואָלטען מיר נאָך אַלץ די חובת צדקה ניט געקענט יוצא זיין, ווען ניט דער אויסרייד, אַז ניט יעדער איינער וואָס שיינט צו זיין אַ נויטבאַדערפטיגער, איז עס אין דער ווירקליכקייט.

„לאָמיר דאַנקבאַר זיין די שווינדלער — כתובות ס״ח — וואָס ווען ניט זיי, וואָלטען מיר יעדען טאָג זינדיגע אָרומגע־גאַנגען״, וואָלטען מיר קיינמאָל ידי חובת צדקה ניט געקענט יוצא זיין.

„רבי אבהו האָט אין נאָמען פון רבי אלעזר — ויקרא רבה, פרשה ל״ד — געזאָגט: מיר באַדאַרפען מחזיק טובה זיין צו די רמאים, וואָס געפינען זיך צווישען די אָרימע לייט. ווארים

ווען ניט זיי, איז ווייבאָלד איינער וואָלט געבעטען עפּעס פון עמיצען און יענער וואָלט איהם אָפּגעזאָגט — וואָלט ער באַלד מיט דעם עונש פון מיתה באַשטראָפט געוואָרען. וואָרים עס איז געזאָגט געוואָרען: וקרא עליך אל ה׳" — דברים, ט"ו — און ער וועט רופען וועגען דיר צו גאָט. און עס שטעהט ווידער געשריבען: „הנפש החוטאת היא תמות" — יחזקאל, י"ח — די זינדיגע נשמה — זי זאָל שטאַרבען.

און רבי יוחנן און ריש לקיש — ווערט דאָרטען ווייטער דערצעהלט — זענען געגאַנגען באָדען זיך אין די חמי טבריה. האָבען זיי באַגעגענט אַן אָרימאַן. ער האָט געזאָגט צו זיי: זייט מיר מזכה מיט עפּעס. האָבען זיי צו איהם געזאָגט: אַז מיר וועלען אַרויסגעהען, וועלען מיר טאָן דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט.

נאָכדעם, אַז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבען זיי איהם געפונען טויט. האָבען זיי געזאָגט: ווייל מיר האָבען זיך ניט מטפּל געווען מיט איהם, ווען ער האָט געלעבט, וועלען מיר זיך מטפּל זיין מיט איהם טויטערהייט. ווען זיי האָבען איהם אַרומגעוואַשען, האָבען זיי געפונען אַ בייטעל מיט זעקס הונדערט דינרים איז איהם געהאָנגען אויפֿן האַלז. האָבען זיי געזאָגט: געלויבט זאָל זיין דער, וואָס האָט אויס־דערוועהלט אין די חכמים און אין די רייד זייערע. האָט דען ניט אַזוי געזאָגט רבי אבהו אין נאָמען פון רבי אלעזר *), אַז מיר באַדאַרפען מחזיק טובה זיין די שווינדלער, וואָס געפינען זיך צווישען די אָרימע לייט.

---

*) אין כתובות ס"ח ווערט רבי אלעזרס נאָמען ניט דער־מאָנט.

.2

כל הפושט יד נותנים לו.

שטרעקט איינער אויס זיין האנט צו דיר — לעג עפעס אריין אין איהר. וויל ניט אויסגעפינען צי ער איז א שווינדלער, כדי דו זאלסט איהם מעניש זיין.

אויב ער איז עס, וועט איהם גאט זיין עונש געבען. דו מיש זיך ניט.

דער וואס באדארף ניט נעהמען — ברענגט דער רמב"ם אלס פסק הלכה אין דער לעצטער הלכה פון הלכות מתנות עניים — און ער נארט אפ די וועלט און נעהמט יא, שטארבט ער ניט אויף דער עלטער זיינער, ביז ער דארף ניט אנקומען צו לייטען. און ער איז אין כלל פון „ארור הגבר אשר יבטח באדם" — ירמיה, י"ז — פארשאלטען זאל זיין דער, וואס פארלאזט זיך אויף מענשען.

דער וואס מאכט בלינד זיין אויג — ווערט אין כתובות ס"ח געזאגט — און מאכט געשוואלען זיין בויך און מאכט זיך אהן פיס, כדי אפצונארען מענשען, זיי זאלען איהם נדבות געבען, געהט ער פון דער וועלט ניט אוועק, ביז ער קומט טאקע צו דעם.

און אין דער לעצטער משנה פון פאה האבען מיר געלערענט: „וכל מי שאינו לא חגר ולא סומא ולא פסח ועושה עצמו כאחד מהם", אינו מת מזקנה, עד שיהיה כאחד מהם, שנאמר — דברים, ט"ז — „צדק, צדק תרדוף — און יעדער איינער וואס, איז ניט קיין בעל מום — זעה די חדושי מהרש"א דארטען — ניט קיין בלינדער און ניט קיין קרומער, און ער מאכט זיך, ווי איינער פון זיי, וועט ער מן הזקנה ניט שטארבען, ביז ער וועט טאקע ווערען ווי איינער פון זיי. ווארים עס איז געזאגט געווארען: „צדק, צדק תרדוף", אפילו אז דו דארפסט נעהמען צדקה, זאלסטו זי מיט צדק, מיט יושר נעהמען.

און מעהר פאר אלץ באדארפען מיר נזהר זיין, מיר זאלען קיין גרויסען ישוב הדעת ניט האבען, ווען מען ווענ־דעט זיך צו אונז נאך עסען. ווען איינער זאגט אונז, אז ער איז הונגעריג, דארפען מיר באלד שוין, אויפן מאמענט, זיין הונגער שטילען.

אז ארימאן, וואס מען קען איהם ניט — ווערט דער פסק הלכה פארמולירט אין רמב"ם, הלכות מתנות עניים, פרק שביעי *) — אז ער זאגט: „איך בין הונגעריג, גיט מיר עסען, איז מען איהם ניט בודק, טאמער איז ער א שווינדלער, נאר מען דארף איהם באלד מפרנס זיין. ווען עס האנדעלט זיך וועגען קליידער, קען מען ווארטען ביז מען וועט אויסגעפינען, צי ער נויטיגט זיך ווירקליך אין זיי, אבער ניט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען עסען **). ביז דו וועסט אויסגעפינען,

*) שוין ציטירט איינמאל אין קאפיטעל: „אלע זענען מחויב צדקה צו געבען".

**) אמר רב הונא — בבא בתרא, ט׳ — בודקין למזונות ואין בודקין לכסות. אי בעית אימא קרא. איבעית אימא סברא. אי בעית אימא סברא: האי קא מבזי והאי לא קא מבזי. אי בעית אימא קרא: „הלא פרוש לרעב לחמך" — בשי"ן כתיב. פרוש—והדר הב ליה. והתם כתיב: „כי תראה ערום וכסיתו". כי תראה—לאלתר. ורב יהודה אמר בודקין לכסות ואין בודקין למזונות. אי בעית אימר סברא, ואי בעית אימא קרא. אי בעית אימא סברא: האי קא מצערא ליה, והאי לא קא מצערא ליה. ואי בעית אימא קרא: הכא כתיב: „הלא פרוס לרעב לחמך" — פרוס לאלתר וכדקרינן. והתם כתיב: „כי תראה ערום וכסיתו" — כשיראה לך. אין אונזערע ספרים שטעהט אבער פרוס — מיט א סמ"ך. מהרש"א איז גורס דעריבער „בשין קרי" און ווייטער — אנשטאט „כדקרינן" — „כדכתיב". דער מסורת הש"ס זאגט אבער, אז מען באדארף פארענטפערען די

צי ער איז קיין שווינדלער ניט, קען איהם דערוייל די נשמה אויסגעהן, און דו אליין וועסט זיך מוזען אלס א הורג נפש באטראכטען.

זיי האבען געזאגט אויף איהם — ווערט דערצעהלט אין תענית כ"א די מעשה מיט נחום איש גמזו — אז ער איז בלינד אויף זיינעביידע אויגען געווען, און זיינע ביידע הענט און פוס זענען געלעהמט געווען, און דער גאנצער גוף זיינער איז פול מיט שחין געווען. און געלעגען איז ער אין א הויז, וואס האט געהאלטען ביים איינפאלען. און די פיסלאך *) פון בעט אין וועלכען ער איז געלעגען זענען געשטאנען אין

---

סתירה לויט דעם, וואס דער תוספות זאגט אין שבת נ"ת אין דבור המתחיל „מעבירים כתיב". תוספות זאגט דארטען, אז אין אונזערע ספרים איז דער „מעבירים" אנדערש, ווי די גירסא, וואס די בעלי הש"ס האבען געהאט. און זעה דארטען אין שבת דעם מסורת הש"ס, ווי ער רעכענט אויס פיעלע ווערטער פון תנ"ך, וואס די גירסא זייערע אין אונזערע ספרים איז אנדערש פון דער גירסא, וואס די בעלי הש"ס האבען געהאט. און עס איז באוואוסט, אז פיעלע שטעלען פון תנ"ך ווערען אויך אין מדרש. רש"י, רמב"ם און „זוהר" ציטירט אנדערש, ווי זיי געפינען זיך אין אונזערע ספרים. און אין ויקרא רבה, ל"ד: „רב יודא בר אהבה ורב ורבי יוחנן: חד אמר מדקדקין בכסות ואין מדקדקין בחיי נפש. וחד אמר מדקדקין בחיי נפש ואין מדקדקין בכסות. וחכמים אומרים אף בכסות אין מדקדקין מפני בריתו של אברהם אבינו", „כדי שלא ילך בגלוי ערות" — „מתנות כהונה".

*) רש"י האט דא אן אנדער גירסא און זעה אין די הגהות הב"ח.

שעפּלען פול מיט וואסער, כדי די מילבען זאָלען צו איהם ניט קענען צוקומען.

איינמאָל האָבען די תלמידים זיינע געזעהן, אז אַט באַלד וועט שוין די הויז זיינע איינפאַלען.

האָבען זיי געוואָלט אַרויסטראָגען די בעט, אין וועלכער נחום איש גמזו איז געלעגען, און נאָכדעם די כלים פון שטוב אַרויסטראָגען.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— קינדער מיינע, טראָגט פריהער אַרויס די כלים, און נאָכדעם ערשט זאָלט איהר אַרויסטראָגען דאָס בעטעל מיינס. ווארים איהר זאָלט זיכער זיין, אַז כל זמן איך בין אין הויז, וועט דאָס הויז ניט איינפאַלען.

האָבען זיי אַרויסגעטראָגען די כלים און נאָכדעם האָבען זיי אַרויסגעטראָגען דאָס בעטעל.

און באַלד ווי זיי האָבען דאָס בעטעל אַרויסגעטראָגען איז דאָס הויז איינגעפאַלען.

האָבען געזאָגט צו איהם זיינע תלמידים:

— אַז דו ביזט אַזאַ צדיק גמור, פאַר וואָס זשע האָט אַזוינס געטראָפען מיט דיר?

האָט ער געזאָגט צו זיי:

— קינדער מיינע, איך האָב עס מיר אַליין גורם געווען. ווארים איינמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג צו מיין שווער און איך האָב געהאַט מיט זיך א משא פון דריי אייזלען. אויף איין אייזעל זענען געווען מאכלים. אויף איין אייזעל געטראַנקען און אויף איין אייזעל פאַרשידענע זיסוואַרגען.

איז אָנגעקומען אַן אָרימאַן און האָט זיך אָוועקגעשטעלט נעבען מיר אויפן וועג און געזאָגט צו מיר:

„רבי, שפּייז מיך“.

האב איך צו איהם געזאָגט:

„וואַרט ביז איך וועל אראָפּנעהעמן די משא פון אייזעל. האָב איך ניט באוויזען אראָפּצונעהמען די משא פון אייזעל, ווי די נשמה זיינע איז איהם אויסגעגאנגען.

בין איך געגאנגען און האָב זיך געוואָרפען צו דער ערד נעבען איהם און געזאָגט: די אויגען, וואָס האָבען קיין רחמנות ניט געהאט אויף דיינע אויגען — זאָלען בלינד ווע־רען. די הענט מיינע, וואס האבען קיין רחמנות ניט גע־האט אויף דיינע הענט — זאָלען אָפּגעדאַרט ווערען. די פיס, וואָס האָבען קיין רחמנות ניט געהאט אויף דיינע פיס — זאָלען אָפּגענומען ווערען. און איך האָב מיך ניט באַרוהיגט, ביז איך האָב געזאָגט: „דער גאַנצער גוף מיינער זאָל פול מיט שחין זיין".

האָבען זיי געזאָגט צו איהם: „אָז וועה איז אונז, וואָס מיר דאַרפען דיך אין אַזאַ מצב זעהן".

האָט ער געזאָגט צו זיי: „אָז וועה וואָלט מיר געווען, ווען איהר וואָלט מיך אין אַזאַ מצב ניט געזעהן" *).

---

*) בקיצור גמרץ ווערט די דאָזיגע געשיכטע אויך אין ירושלמי, שקלים, ט"ו, דערצעהלט, און זי האָט דאָרטען די פאָל־גענדע פאַרענדיגונג: „איז געקומען צו איהם — נאָכדעם וואָס ער האָט אויף זיך מקבל עונש געווען — רבי עקיבא און האָט צו איהם געזאָגט: „וועה איז מיר, וואָס איך זעה דיך אין אַזאַ מצב". האָט ער צו איהם געזאָגט: „וועה איז מיר, וואָס איך זעה דיך ניט אין אַזאַ מצב". האָט ער געזאָגט צו איהם: „פאַר וואָס שעלסטו מיך?" האָט נחום איש גמזו צו איהם געזאָגט: „און פאַר וואָס ביזטו מבעט ביסורים?"

כל הפושט יד נותנים לו.

גיב דיין הילף צו יעדען איינעם וואס נויטיגט זיך אין איהר. זוך ניט צופיעל קיין „בני טובים" דוקא. שטרענג זיך ניט אן, אז פון דיין צדקה זאלען דוקא נאר שעהנע מענשען געהאלפען ווערען.

אמת, אויב מיר ווערען אין אונזער צדקה מיט אנשים שאינם מהוגנים נכשל, איז דאס א שלעכטער סימן פאר אונז.

דעם פסוק: „ויהיו מוכשלים לפניך; בעת אפך עשה בהם" — ירמיה, י"ח — און זיי זאלען געשטרויכעלט זיין פאר דיר, אין דעם צארן דיינעם טהו נקמה אין זיי — האט רבה אויף פאלגענדען אופן געדרשנט — בבא בתרא, ט': — ירמיהו האט געזאגט פאר קודשא בריך הוא: „רבונא של עולם, אפילו אז זיי גיבען צדקה, זאלען זיי נכשל ווערען מיט ניט קיין פיינע מענשען, כדי זיי זאלען קיין שכר ניט האבען".

דו דארפסט אבער די „בני טובים" ניט זוכען. זוך בעסער. דו זאלסט אין אלץ גאטס ווילען טאן, דו זאלסט ווערטה זיין ביי איהם, וועט ער זיי דיר אליין צושיקען. אויב ניט אבער, וועט ער דיך דוקא מיט אנשים שאינם מהוגנים מכשיל זיין, כאטש דו וועסט דענקען, אז דו ביזט די שעהנסטע גייסטער פון דיין צדקה מהנה.

## י.

# צדקה צו אייגענע

יעדער איינער דארף קענען נהנה זיין פון דיין צדקה. און על אחת כמה וכמה, אז דיינע אייגענע באדארפען קענען נהנה זיין פון איהר. צדקה דארף זיך פון דיין אייגען הויז אנהויבען.

עס זענען פאראן מענשען, וואס זענען די מצוה פון צדקה מקיים נאר בנוגע צו פרעמדע. זיי זענען זי אבער נים מקיים בנוגע צו זייערע אייגענע. אזוינע מענשען זענען גאר אינגאנצען חשוד, אז זיי מיינען נים „לשמה" מיט דער צדקה, וואס זיי גיבען. דאס וואס זיי זענען גרייט נאר פרעמדע צו העלפען, דאס וואס זיי ערפילען נים זייערע פליכטען בנוגע צו זייער אייגען בלוט און פלייש, באווייזט, אז זיי מיינען זיך נאר פאר דער וועלט אויסצופיינען מיט דער צדקה, וואס זיי גיבען, אז זיי זענען אויסען דורך זייער צדקה נאר גרויסען כבוד צו ערווערבען.

דער וואס מיינט מיט זיין צדקה ווירקליך לשמה, קען ער קיין אכזר נים זיין אויף זיינע אייגענע, קען ער נים זיינע פליכטען צו זיין משפחה פארנאכלעסיגען.

ווארים אונזערע אייגענע זענען מיר נאך מעהר מחויב צו העלפען, ווי פרעמדע. זיי קומען פריהער פאר די לעצטע.

און אפילו דער וואס גיט מזונות — ברענגט דער רמב"ם אין הלכות מתנות עניים, פרק י' אלס פסק הלכה — צו זיינע עלטערע זיהן און טעכטער, וואס ער איז שוין נים מחויב זיי אויסצוהאלטען מיט מזונות, כדי די זכרים זאלען לערנען

תורה און די טעכטער זאָלען זיך בדרך ישרה פיהרען און זאָלען קיין מבוזות ניט זיין — איז אויך דאָס אין כלל פון צדקה.

און אַזוי אויך דער וואָס גיט זיין פאָטער און מוטער. און עס איז נאָך גאָר אַ גרויסע צדקה, ווארים דער קרוב איז פריהער".

זיכער איז אָבער, אַז די דאָזיגע שטענדיגע זאָרגען אונ־זערע וועגען אונזערע אייגענע קינדער, אַז די דאָזיגע שטענ־דיגע וואַכזאַמקייט אונזערע צו די נויטען פון אונזערע קרובים, דאַרף אונז האַלטען אין דערמאָנען שטענדיג אין דעם שיקזאַל פון די אומגליקליכע יתומים, וואָס האָבען ניט קיין עלטערען, וואָס זאָלען וועגען זיי זאָרגען, אין דעם שיקזאַל פון די אָרימע לייט, וואָס האָבען ניט קיין נאָהענטע קרובים, וואָס זיי זאָלען זיך צו זיי אין אַן עת צרה ווענדען.

זיין ערפילען די פליכטען צו זיינע אייגענע דאַרף איהם דעריבער נאָך מעהר וואַכזאַם האַלטען צום ערפילען פון זיינע פליכטען צו די פרעמדע אָרימע לייט. ער באַדאַרף זוכען מעגליכקייטען, אַז צוזאַמען מיט זיינע אייגענע זאָלען אויך פרעמדע אָרימע לייט אַ דאַך איבער זייער קאָפּ אין זיין הויז געפינען, אַז צוזאַמען מיט זיינע קינדער זאָלען אויך די אומגליקליכע יתומים ביי זיין טיש קענען עסען.

די חכמים — שרייבט דאָרטען דער רמב"ם — האָבען אָנ־געזאָגט, אַז די הויז־לייט פון אַ מענשען זאָלען זיין אָרימע לייט און יתומים אויפן אָרט פון די קנעכט. עס איז בעסער פאַר איהם, ער זאָל זיך מיט די באַנוצען, כדי די בני אברהם, יצחק ויעקב זאָלען נהנה זיין פון זיינע נכסים און ניט די זרע חם זאָלען נהנה זיין פון זיי. ווארים דער וואָס איז

מרבה עבדים בכל יום ויום איז מוסיף זינד און פארברעכען אויף דער וועלט. און אויב ארימע לייט וועלען זיינע הויז־לייט זיין, וועט ער זכיות און מצוות מוסיף זיין.

יא.

## לקט, שכחה ופאה

און מיר קענען ניט יוצא זיין אין אונזער חוב צו די נויטליידענדע און לעבען נאר מיט א נדבה געבען אמאל דעם ארימאן, וואס ווענדעט זיך צו אונז. מיר באדארפען די נויטליידענדע אין זינען האבען יעדען מאל, וואס מיר זענען פון דער שפע, מיט וועלכער גאט האט אונז געבענשט, נהנה. מיר באדארפען זיי אונזער צדקה געבען ניט נאר אין דער פארם פון געלט, נאר אויך אין אנדערע פארמען. מיר באדארפען זיי א טייל געבען אויך פון די פראדוקטען פון אונזער ערד, פון דעם עסען, וואס איז אויף אונזער טיש.

אז גאט העלפט איינעם, ער זאל קענען סעודות מאכען, דארף ער ניט פארגעסען דאן, ווען ער מאכט די סעודות, אז עס זענען פאראן אזוינע, וואס ניט נאר קענען זיי פאר אנ־דערע קיין סעודות ניט מאכען, נאר אויך פאר זיך אליין איז זיי שווער זייער אייגענע ארימע סעודה זיך איינצושאפען.

און דעריבער באדארף ער זעהן, אז פון זיינע סעודות זאלען אויך ארימע לייט נהנה זיין.

און דער וואס מאכט א סעודה — ווערט געזאגט אין דער הקדמה פון „זוהר" — און גיט גאר ניט דאן צו די ארימעלייט, קומט דער שטן דאן ארויף אויבען אין הימעל און איז מקטרג אויף איהם.

„די טירען פון דיין הויז — דרך ארץ זוטא, פרק ט׳ — זאלען זיין ניט צוגעשלאסען *) בשעת דו זיצט ביים עסען און טרינקען", כדי די ארימע לייט זאלען קענען אין דיין הויז אריינקומען, זיי זאלען מיט דיר צוזאמען פון דיין עסען און טרינקען נהנה זיין.

„און אז וואויל איז דעם — „זוהר", דברים, רע"ג — וואס זיצט לאנג ביים טיש זיינעם, ווארטענדיג, טאמער קומט אן ארימאן, ער זאל איהם מהנה זיין".

אז איינער שניידט דאס פעלד זיינס — פארמולירט דער רמב"ם אין הלכות „מתנות עניים", פרק א׳ די דינים פון „לקט, שכחה ופאה" — זאל ער ניט שניידען דאס גאנצע פעלד, נאר ער זאל איבערלאזען אביסעל שטעהענדיגע תבואה פאר די ארימע לייט ביים עק פעלד. ווארים עס איז גע־זאגט געווארען — אין ויקרא, י"ט: — „לא תכלה את פאת שדך בקצרך" **) — דו זאלסט ניט פארלענדען דעם עק פון פעלד אין דיין שניידען.

און אזוי ווי ער באדארף איבערלאזען „פאה" אין עק פון פעלד, אזוי איז אויך מיט די בוימער: אז ער זאמעלט צונויף זייערע פירות, באדארף ער איבערלאזען אביסעל פאר ארימעלייט.

עס באדארף דאס אלעס באטראכט ווערען אלס דאס אייגענטום פון די ארימעלייט.

„און דעריבער — דארטען — אויב ער האט אפגעשניטען דאס גאנצע פעלד, אדער ער האט צונויפגעזאמעלט די אלע פירות פון דעם בוים — נעהמט ער אביסעל פון דעם, וואס

*) ביז אהער שוין ציטירט אין קאפיטעל „דער שכר פון צדקה".

**) אין חומש: „לקצור".

ער האט אפגעשניטען, אדער וואס ער האט צונויפגענומען, און ניט עס אוועק צו ארימעלייט".

און דאס איינענע איז אויך ביי לקט.

„ווען ער שניידט און בינדט די זאנגען, זאל ער ניט אויפקלויבען די זאנגען, וואס פאלען אראפ בשעת דעם שניי־דען, נאר ער זאל זיי לאזען פאר די ארימעלייט. ווארים עס איז געזאגט געווארען — ויקרא, י"ט — „ולקט קצירך לא תלקט" — דעם לקט פון דיין שניט זאלסטו ניט צונויפ־קלייבען".

און אויך דער „לקט" איז דאס אייגענטום פון די ארי־מעלייט.

„און דעריבער איז, אויב ער האט אויפגעקליבען די אראפגעפאלענע זאנגען פאר זיך, איז אפילו אויב ער האט זיי אפגעמאהלען און אפגעבאקען, באדארף ער זיי אוועק־געבען צו די ארימעלייט. ווארים עס איז געזאגט געווארען — דארטען: — „לעני ולגר תעזוב אותם" — פאר דעם ארימאן און פאר דעם גר זאלסטו זיי לאזען.

און דאס איינענע איז אויך ביי „פרט", בנוגע די איינ־צעלנע וויינטרויבען וואס פאלען אראפ ביים רייסען פון די ווינשטאק־בוימער.

„און אזוי אויך ביי די „עוללות" — די דריבנע, צעוואר־פענע טרויבען אויף דעם צווייגעל — דארף מען אויך לאזען פאר די ארימע לייט. ווארים עס איז געזאגט געווארען — דארטען: — „וכרמך לא תעולל ופרט כרמך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם" — דו זאלסט ניט נעהמען פאר זיך די עוללות פון דיין וויינגארטען. און דעם פרט פון דיין וויינ־גארטען זאלסטו ניט צונויפקלויבען.

„און אזוי איז אויך דער, וואס בינדט די סנאפען און ער האט פארגעסען איין סנאפ אין פעלד — זאל ער איהם

ניט נעהמען. ווארים עס איז געזאגט געווארען—דברים, כ"ד— „ושכחת עומר בשדה — לא תשוב לקחתו" — אז דו וועסט פארגעסען א סנאפ אין פעלד, זאלסטו זיך ניט אומקעהרען צו נעהמען איהם.

און אזוי ווי פאה אזוי איז אויך שכחה דאס אייגענטום פון ארימאן.

און דעריבער איז אויב ער האט עובר געווען און גע־נומען עס צוריק, איז אפילו, אז ער האט עס אפגעמאהלען און אפגעבאקען, בארארף ער עס אוועקגעבען צו די ארימע־לייט. ווארים עס איז געזאגט געווארען — דארטען: — „לגר, ליתום ולאלמנה יהיה" — פאר דעם גר, פאר דעם יתום און פאר דער אלמנה זאל עס זיין.

און אזוי ווי עס איז דער ענין פון שכחה פאראן ביי דער אפגעשניטענער תבואה, אזוי איז ער אויך פארהאן ביי דער שטעהענדיגער תבואה. אויב ער האט פארגעסען אביסעל פון דער שטעהענדיגער תבואה און האט זי ניט אפגעשניטען, באלאנגט זי צו די ארימעלייט.

„און אזוי ווי דער ענין פון שכחה איז דא ביי תבואה, אזוי איז ער אויך דא ביי אלע בוימער".

ווארים עס זיינען ביי א וויינגארטען פיער־ערליי מתנות פאר ארימעלייט פאראן: „פרט", „עוללות", „שכחה" און „פאה". ביי תבואה דריי מתנות: „לקט", „שכחה", ו„פאה", ביי בוימער צוויי: „שכחה" און „פאה".

---

און אזוי ווי צדקה באדארף דעם ארימאן בסבר פנים יפות, מיט א גוטען ווילען און מיט א גרינג הארץ נעגעבען ווערען, אזוי באדארפען אויך די אויבען אויסגערעכענטע מתנות לעניים נאר אויף אזא אופן געגעבען ווערען.

„מען לאזט די פאה — ברענגט דער רמב"ם אין הלכות „מתנות עניים", פרק ב׳, אלס פסק הלכה — גאר צום סוף פון פעלד, כדי די ארימע לייט זאלען וויסען, וואו זיי באַדארפען קומען נאך דער פאה און כדי זי זאל אנגעזעהן ווערען פאר די פארבייגעהער און מען זאל איהם ניט חושד זיין, אז ער האט קיין פאה ניט געלאזט. אויך צוליעב די רמאים, ער זאל זיך ניט פארנעהמען אויף דעם גאנצען פעלד שניידען, זאגענדיג צו די, וואס וועלען איהם זעהן שניידענדיג דעם עק פון פעלד: „אין אנהויב פון פעלד האב איך פאה געלאזט". ווידער: ער זאל ניט אפווארטען אויף א צייט, ווען מענשען זענען ניטא, און איבערלאזען זי דאן און אוועקגעבען זי צו זיינעם אן ארימען קרוב".

און דער וואס שטעלט אונטער — זאגט די משנה אין „פאה", פרק ז׳ — א קארב אונטער דעם בוים, עס זאלען אריינפאלען די טרויבען אהין — איז א גוזל את העניים".

און א גוזל את העניים — דארטען, פרק חמישי — איז אויך דער, וואס לאזט ניט די ארימע לייט קלויבען, אדער איין ארימאן לאזט ער און א צווייטען ניט. אדער ער העלפט איינעם פון די ארימע לייט אויף דעם חשבון פון די איבעריגע.

ער טאר דאס אליין ניט נאר פאר זיך אליין ניט נעהמען, נאר ער טאר דערפון אויך קיין טובת הנאה ניט האבען. ער טאר דערפון אפילו אויף אן אינדירעקטען אופן קיין הנאה ניט האבען. עס איז ניט זיין אייגענטום. ער קען דערויף קיין דעה ניט האבען, ווער עס זאל עס יא נעהמען און ווער עס זאל עס ניט נעהמען.

נאר דאן — הלכות „מתנות עניים" פרק ד׳ — ווען ער זעהט, אז עס קומען נעהמען דעם לקט „עניים שאינם ראויים", מעג ער זיי ווערען, אויב ער קען עס טאן אהן

שווערינגקייטען. אויב אבער ניט, באדארף ער זיי לאזען צו־ליעב „דרכי שלום".

און אין יעדען דריטען און זעקסטען שמיטה יאהר איז נאך געווען אן עקסטרא „מתנה לעניים". פון די אלע תבואות פון דער ערד און פון די אלע פירות פון די בוימער האט מען באדארפט אוועקגעבען א צעהנטעל פאר די ארימע לייט נאך דעם וואס מען האט אראפגענומען פריהער דעם מעשר ראשון פאר די לויים. דער דאזיגער מעשר האט געהייסען מעשר עני און איז געקומען אנשטאט דעם מעשר שני, וואס מען האט באדארפט אראפנעהמען אין די אנדערע יאהרען.

## יב.
# קאָלעקטיווע צדקה

אזוי ווי דער פּרט איז מחויב צדקה צו געבען, אזוי איז אויך דער כּלל מחויב די מצוה פון צדקה מקיים צו זיין. יעדע אידישע קהלה, יעדע אידישע שטאָט דאַרף אויף אַ קאָלעקטיווען אופן די מצוה פון צדקה מקיים זיין.

יעדע שטאָט — ברענגט דער רמב"ם, דאָרטען, פּרק ט', אלס פּסק הלכה — וואָס אידען געפינען זיך אין איהר, איז מחויב צו באַשטימען צדקה גבאים, באַוואוסטע און פאַרטרויענסווערטע מענשען, וואָס זאָלען אַרומגעהן צווישען פאָלק פון ערב שבת צו ערב שבת, צונעהמען פון יעדען איינציגען דאָס, וואָס עס איז באַשטימט פאַר איהם צו געבען, זיי צעטיילען דאָס געלט פון ערב שבת צו ערב שבת און געבען צו יעדען אָרימאַן מזונות, וואָס זאָלען זיין גענוג אויף זיבען טעג. און אָט די צדקה ווערט אָנגערופען „קופּה של צדקה".

„און אזוי באַשטימט מען אויך גבאים, וואָס זיי נעהמען צונויף אַלע טאָג פון יעדען הויף ברויט און אַלערליי מינים מאכלים אָדער פּירות פון די, וואָס זיינען מנדב לפי שעה, און מען צוטיילט דאָס צונויפגענומענע אין אָבענד צווישען די אָרימע לייט און מען גיט דערפון יעדען אָרימאַן די מזונות פאַר דעם טאָג. און דאָס ווערט אָנגערופען „תמחוי". און מיר האָבען קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזעהן, אַז אַ אידישע קהלה זאָל קיין קופּה של צדקה ניט האָבען.

„און אין די תעניתים צוטיילט מען מזונות צו די אָרימע לייט. און אַלס בלוט־פאַרגיסער ווערען זיי פאַררעכענט די

שטאָט־לייט, אויב זיי האָבן נאָך אַ תענית אָפּגעגעסן און די נאַכט איבערגעשלאָפן, ניט צוטיילענדיג פריהער צדקה צו אָרימע לייט".

און אויף דעם פסוק — דברים, כ"א — „ידינו לא שפכו את הדם" — אונזערע הענט האָבן דאָס בלוט ניט פאַרגאָסען — ביי דעם ענין פון עגלה ערופה, זאָגט די גמרא — סוטה, מ"ה: — צי וואָלט דען אונז אַזוי אויפגעגאַנגען אויפן געדאַנק, אַז די זקני בית דין זענען בלוט־פאַרגיסער? נאָר וואָס דען? וואָס מיינט „ידינו לא שפכו"? ער איז ניט געווען צוזאַמען מיט אונז, און מיר זאָלן האָבן איהם אָוועקגעשיקט אָהן מזונות *). מיר האָבן איהם ניט געזעהן און אָוועקגעשיקט אָהן באַגלייטונג. רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט — סוטה ל"ח — אַז דער גאַנצער ענין פון עגלה ערופה קומט פאַר נאָר צוליב די צרי עין, צוליב די אומפריינדליכע, צוליעב די קאַרגע, צוליעב די שלעכטע מענשען.

און כאָטש די גבאי צדקה באַדאַרפען זיין באַוואוסט אַלס די עהרליכסטע מענשען פון שטאָט, דאַרפען זיי זיך אויך פיהרען אויף אַזאַ אופן, זיי זאָלען דעם קלענסטען חשד ניט דערוועקען צו זיך.

„און דעריבער טאָרען זיי זיך ניט אָפּטיילען איינער פון אַנדערען אין גאַס — הלכות מתנות עניים, פרק ט׳ — כדי מען זאָל זיי כסדר זעהן אין צווייען.

„און אַז זיי געפינען געלט אין גאַס, טאָרען זיי עס ניט אַריינלעגען אין קעשענע, נאָר אין צדקה־בייטעל. אַז ער וועט קומען אַהיים, זאָל ער עס דאָן זיך נעהמען, כדי מען זאָל איהם

*) כלומר: למזונות הוצרך ולא היה לו; וראה אחד נושא מזונות ובא לחוטפם ממנו לאונס רעבון, ועמד זה עליו והרגו: רש"י, סוטה, ל"ח, ב׳.

ניט חושד זיין, אז ער לעגט צו זיך אין קעשענע צדקה־געלט.

„און דאס אייגענע איז אויך, אז מען צאהלט איהם אפ א חוב. און זיי טארען ניט צעהלען דאס געלט צו צוויי מטבעות מיט א מאל, נאר איינציגווייז, מפני החשד. ווארים עס איז געזאגט געווארען — במדבר, ל"ב: — „והייתם נקיים מה' ומישראל".

„און זיי באדארפען זיך מיט זייער טאקט און פארשמיאנד אויסצייכענען צו וויסען, וואו און ביי ועמען צו נעהמען און ווי אזוי צו נעהמען, און אויך ווי אזוי צו געבען.

די אידישע קהלה „באדארף אויסהאלטען מיט מזונות און קליידער — דארטען, פרק שביעי — די ארימע לייט פון די געצענדינער צוזאמען מיט די אידישע ארימע לייט צוליעב דרכי שלום" *).

„אז ארימאן, וואס געהט ארום אין די הייזער, באדארף מען קיין גרויסע סומע צדקה ניט געבען. מען באדארף איהם נאר א קליינע נדבה געבען.

„אז מען ווייסט וועגען אז ארימאן, וואס וויל קיין צדקה ניט נעהמען, טוט מען מיט ערמה און מען גיט איהם לשם הלואה אדער לשם מתנה.

---

*) לויט דעם רמב"ם קומט אויס, אז די אלע פארגעשריבענע „מפני דרכי שלום" הנהגות זענען א דבר שעיקרו מן התורה, ניט נאר א רשות של חובה, א דין ניט נאר א בינדענדער לפנים משורת הדין. לויט איהם נאר קומט אויס, אז צוליעב דעם וואס ווערט געזאגט — משלי, ג' — וועגען דער תורה „דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום" באדארפען באטראכט ווערען די אלע פארגעשריבענע „מפני דרכי שלום" הנהגות גלייך, ווי די תורה וואלט אונז וועגען זיי בפירוש פארזאגט.

„און פון פרויען און קנעכט און קליינע קינדער *) — מעג מען פון זיי נעהמען פאר צדקה נאר קליינע סומען, אבער ניט קיין גרויסע סומען. ווארים גרויסע סומען ביי זיי קען מען חושד זיין, אז עס איז גזילה אדער גניבה".

און ווען עס איז נוטיג באדארפען זיי זיך אויך קענען ביד חזקה פיהרען.

דער וואס וויל קיין צדקה געבען — ברענגט דאר־טען דער רמב"ם אלס פסק הלכה — אדער ער גיט ווייניגער וויפיעל ער באדארף געבען, איז דער בית־דין צווינגט איהם און שלאגט איהם מלקות, ביז ער גיט דאס, וואס ער איז פארפליכטעט צו געבען,

דערפאר טארען זיי אבער ניט מאהנען און גובה זיין קיין צדקה פון אן ערדלען מאן, וואס גיט צדקה מעהר ווי פיעל זיינע כחות ערלויבען איהם, וואס קוועלט זיך און גיט דעם גבאי, כדי ער זאל ניט פארשעמט ווערען. און יענער גבאי, וואס פארשעהמט איהם און מאהנט פון איהם, וועט גאט איהם שטראפען, ווארים עס איז געזאגט געווארען: „ופקדתי על כל לחציו" — ירמיה, ל׳ — און איך וועל בא־פעהלען אויף אלע זיינע באדריקער.

„און פריהער פאר אלץ — דארטען, פרק שמיני — בא־דארף די קהלה נזהר זיין אין דער מצוה פון פדיון שבויים. פדיון שבויים קומט פאר דעם שפייזען און קליידען פון די ארימע לייט. און עס איז גאר ניטא אזא גרויסע מצוה, ווי פדיון שבויים. ווארים דער געפאנגענער איז אין כלל פון די הונגעריגע און דארשטיגע און נאקעטע און ער שטעהט אויך אין סכנת נפשות, און דער, וואס פארהוילט זיינע אויגען

*) אין פוסקין צדקה על היתומים — אפילו על פדיון שבויים — בבא בתרא, ט׳.

פון זיין אויסלעזען איז ער עובר אויף „לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך", און אויף „לא תעמוד על דם רעך", און אויף „לא ירדנו בפרך לעיניך". און ער האט דורך דעם אויך בטל געמאכט די מצוה פון „פתוח תפתח את ידך לו" און די מצוה פון „וחי אחיך עמך" און „ואהבת לרעך כמוך" און „והציל לקוחים למות" *) און נאך אזוינע זאכען.

מען טאר אבער — זאגט ווייטער דער רמב"ם אין איינקלאנג מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין גיטין דף מ"ה: אין פודין את השבויים יותר מכפי דמיהם" — קיין צופיעל אויסלייז געלט ניט געבען פאר די שבויים, מפני „תקון העולם"", כדי דער שונא זאל זיך ניט יאגען א סך געפאנגענע אריינצוקריגען.

און אויך דער גרויסער גאון מהר"ם מרוטנבורג, איינער פון די לעצטע בעלי תוספות, דער רבי פון רא"ש און מרדכי, האט אזוי דעם דין געפסקענט אין די תשובות זיינע.

---

*) „לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך" — דברים, ט"ו — דו זאלסט ניט שטארק מאכען דיין הארץ און זאלסט ניט פארמאכען דיין האנד; „לא תעמוד על דם רעך" — ויקרא, י"ט — דו זאלסט ניט שטעהן גלייכגילטיג, ווען דיין מיטבירגער געפינט זיך אין א סכנה; „לא ירדנו בפרך לעיניך" — ויקרא, בהר — ער זאל איהם ניט באצווינגען מיט שווערער ארבייט פאר דיינע אויגען; „פתות תפתח את ידך לו" — דברים, ט"ו — דו זאלסט עפענען דיין האנד פאר איהם; „וחי אחיך עמך" — ויקרא, בהר — און דיין ברודער זאל לעבען מיט דיר; „„ואהבת לרעך כמוך" — ויקרא, י"ט — און דו זאלסט ליעב האבען דיין מיטבירגער, ווי זיך; „והציל לקוחים למות" — משלי, כ"ד — און מציל זיין די גענומענע צום טויט.

און זייענדיג שוין א זקן פון אריבער זיבעציג האט דער טרויעריגער שיקזאל זיינער געבראכט איהם דערצו, אז ער זאל דארפען אנווענדען למעשה די דאזיגע הלכה אויף זיך אליין.

די רעגירונג, וויסענדיג מיט וואס פאר א פארגעטערונג די אלע אידישע קהלות האבען זיך צו איהם באצויגען, האט איהם אונטער דעם אויסרייד פון א בלבול פארשפארט אין תפיסה, כדי זי זאל מאהנען א גרויסע סומע אויסלייז־געלט פאר איהם. ער איז געווען זיכער, דער מושל, אז די אידישע קהלה וועט ניט לאזען דעם גרויסען רב לאנג אין תפיסה זיך געפינען און וועלען איהם באלד צושטעלען די פארלאנגטע פון איהם סומע, ווי גרויס זי זאל ניט זיין, אבי די באַפרייאונג זאל וואס גיכער פארקומען.

און ווירקליך, די אידישע קהלות זענען גרייט געווען צו באצאהלען באלד דעם מושל די סומע, וואס ער האט געפארערט פון זיי.

ווען דער גרויסער גאון איז אבער געוואויר געווארען דערפון, האט ער אויף זיי גוזר געווען, זיי זאלען דאס ניט טאן. און אט אזוי האט ער פארבראכט גאנצע זיבען יאהר אין תפיסה אין דער פעסטונג ענזיסהיים אין עלזאס, ביז דעם יאהר 1293. אין דעם יאהר איז ער געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר *).

---

*) אויך דער טויטער קערפער זיינער האט זיך א לאנגע צייט אין תפיסה געפונען. ער איז באפרייט געווארען ערשט אין יאהר 1306. דער פרנס רבי אלכסנדר זיסקינד פון פראנקפורט אם מאין האט פאר א ריזיגער סומע אויסגעלעזט דעם מהר"מס קערפער פון תפיסה און האט איהם מקבר געווען אין דער געבורטסשטאט פון מהר"ם — ווארמס. אלס שכר פאר זיך האט ער אויסגעדריקט זיין

מפני „תקון העולם״ — שרייבט ווידער דער רמב״ם — טאר מען אויך ניט מאכען צו אנטלויפען די געפאנגענע, כדי דער שונא זאל אויף זיי זיין יאך ניט שווער מאכען און אונטער א גרויסע וואך זיי האלטען.

„און אז אפילו איינער פארקויפט זיך אליין צו אן עובד כוכבים, דארף מען איהם אויך אויסלייזען, אפילו אז ער פארקויפט זיך נאכדעם א צווייטען מאל. צום דריטען מאל אבער איז מען איהם ניט מחוייב אויסצולייזען. נאך זיין טויט באדארף מען אבער די קינדער זיינע אויסלייזען. און אויב מען וויל איהם הרגענען איז גאר קיין שיעור ניטא וויפיעל מאל מען באדארף איהם אויסלעזען״.

---

וואונש, אז נאך זיין טויט זאל מען איהם מקבר זיין נעבען מהר״ם — און מען האט זיין וואונש אויך ערפילט, ווען ער איז מיט צוויי יאהר שפעטער געשטארבען.

יג.

## דער חיוב צו נעהמען צדקה

פונקט ווי עס איז ביי געבען צדקה דער ענין פון חיוב פארהאן, אזוי איז אויך ביי נעהמען צדקה פאר די, וואס באדארפען אנקומען צו איהר, דער ענין פון חיוב פארהאן.

„דער וואס באדארף נעהמען צדקה — ווערט להלכה נע־פסקענט אין רמב"ם, הלכות „מתנות עניים", פרק י' — וואס האט קיין מעגליכקייט ניט צו לעבען, סיידען ער זאל צדקה נעהמען, ווי אן אלטער מאן, אדער א חולה, אדער א בעל יסורים, און ער האלט זיך גרויס און נעהמט ניט, איז ער א שופך דמים און א מתחייב בנפשו, און פאר דעם צער, וואס ער איז זיך מצטער, האט ער אויף זיך נאר זינד און פארברעכען".

לעבען אין דחקות גרויסער און ניט אנקומען צו יענעם און ניט ווערען נהנה זיין פון צדקה איז א מדרגה א גרויסע.

דער וואס איז בארעכטיגט צו נעהמען צדקה — ווערט אין סוף פאה געזאגט — און ער נעהמט ניט, ווייל ער שטרענגט זיך אן, ער זאל ווי עס איז קענען אויסקומען אהן נהנה זיין פון צדקה, וועט ער אויף דער עלטער זיינער פון דער וועלט ניט אוועקגעהן, ביז ער וועט ניט אנדערע פון זיין רייכטום מפרנס זיין.

„עשה שבתך חול", האבען אונז די קדמונים — פסחים, קי"ב, קי"ג; שבת, קי"ח — געלערענט, „ואל תצטרך לבריות". דו זאלסט דיין שבת אין חול פארוואנדלען און צו קיין מענשען ניט אנקומען. „אמר ליה רב לרב כהנא — ווערט אין

פסחים, קי"ג, דערצעהלט — פשוט נבילתא בשוק ושקול אגרא, ואל תאמר כהנא אני, גברא רבה אנא" — רב האט געזאגט צו רב כהנאן: דו זאלסט די פעל פון א נבלה אין מיטען מארק אראפציהען און באצאהלט פאר דיין ארבייט קריגען. און ניט זאגען „ווי קען איך עס טאן? רב כהנא בין איך דאך *), איך בין דאך א גרויסער מענש". אויב אבער עס איז קיין אנדער וועג ניטא ווי ביים לעבען זיך צו דערהאלטען, נאר דורך דעם וועג פון צדקה נעהמען, זאל דער מענש אויך אויף דעם וועג זיך לאזען. ער טאר זיך ניט לאזען פארפייניגען ביז צום טויט פון זיין ארימקייט. בעסער צו זיין א פושט יד איידער א הורג נפש.

און ווען דער מענש ווערט פון גאט געשטראפט, ער זאל שוין צו דעם מצב קומען, ער זאל דארפען א פושט יד זיין, ער זאל דארפען נהנה מן הצדקה זיין, זאל ער דערפון קיין צו־גרויסע טראגעדיע ניט מאכען, זאל ער זיך ניט אלס דעם אומגליקליכסטען מענשען באטראכטען נאר דערפאר, וואס ער דארף א נהנה מן הצדקה זיין.

שטאלץ זיך האלטען איז זעהר א גוטע מדה. עס זענען פארהאנען אבער מאמענטען, וואס דער מענש באדארף זיך קענען דערהויבען איבער יעדען שטאלץ, וואס דער מענש באדארף זיך קענען דערהויבען צו פארשטעהן, אז מען קען אמאל די גרעסטע מדרגה פון שטאלץ זיך האלטען דערגרייכען דורך דעם דוקא, וואס מען זאל פון זיך, ווי ז[illegible]ן אלטע אויסגעטראגענע, אומנויטיגע זאך דאס שטאלץ האלטען זיך פארווארפען. עס זענען פארהאנען מאמענטען, וואס דער

*) אזוי טייטשט אויס תוספות אין פסחים מ"ט דעם אויס־דרוק „כהנא־ אנא".

מענש באדארף צו שטאלץ זיין דארויף, ער זאל שטאלץ זיין וועלען.

אויב מען האט אונז געלערענט, אז מיר באדארפען זיך די גרעסטע מיה געבען, מיר זאלען קיין נהנה מן הצדקה ניט זיין, איז דאס ניט צוליעב דער אויסערליכער בושה, ניט ווייל די וועלט באטראכט עס פאר א גרויסער ערנידערונג, פאר א גרויסען בזיון, נאר צוליעב דעם, הויפטזעכליך, ווייל דער, וואס נעהמט צדקה, ווען עס איז ניט אבסאלוט אונ־מעגליך פאר איהם צו באגעהן זיך אהן דעם, איז נהנה פון גזילה און איז אויך גוזל את העניים. ער נעהמט צו דאס, וואס באלאנגט צו די ארימע לייט, וואס מוזען זיך פון צדקה מפרנס זיין.

ווארים וואס האט דען דער, וואס לעבט אין דער שרעק־ליכסטער ארימקייט, צו טאן מיט די מיינונגען פון דער וועלט, וואס באזירען אויף איהר בוקען זיך פאר דעם גאט „ממון", וועגען דעם, וואס דער מענש דארף פאר זיך אלס בושה, אלס ערנידעריגונג גרויסע באטראכטען?

א מענש, וואס געפינט זיך אין אזא מצב, אז אלע וועגען זענען פאר איהם אפגעשניטען, ער זאל זיך קענען מגיע כפו ערנעהרען, ער זאל פון אייגענע מיטלען קענען לעבען, דארף זיך קענען דערהויבען איבער דעם כבוד מדומה, באַ־דארף זיך קענען באפרייען פון צוגעבונדען זיך פיהלי" צום דעת הקהל.

א מענש באדארף אין דעם גרויסען צער זיינעם, וואס ער לעבט דורך, אין די גרויסע יסורים, וואס מאטערען איהם, זיין דערלייזונג, זיין דערהויבונג געפינען. ער זאל קענען זעהן זאכען אין א גאר אנדער ליכט, ווי זיי ווערען פון אנ־דערע געזעהן. ער זאל זיך באציהען צום לעבען גאנץ אנ־דערש, ווי געוועהנליכע מענשען באציהען זיך צו דעם. ער

זאל זיך קענען באפרייען פון די אלע פאראורטיילען, שוואכ־קייטען, וואס באהערשען די מענשען, ער זאל זיך קענען פון דער וועלט אויסלייזען.

ער האט זיך ניט וואס צו שעהמען. וואס ער דארף טראכטען איז נאר וועגען דעם, ער זאל זיין לעבען דער־האלטען. זאל זיך די וועלט פאר איהם שעהמען. די, וואס האלטען זייער פארמעגען אונטער זיבען שלעסער, עס זאלען די נויטבאדערפטיגע ניט נהנה זיין פון דעם. זיי באדארפען זיך מעהר שעהמען פאר איהם. צי באדארף מען עס נאך זאגען, אז אין זין פון מדרגה איז פיעל ווערטפולער דער מענש, וואס מוז צו צדקה אנקומען, ווי דער מענש, וואס וויל זי ניט געבען, כאטש ער קען געבען. זאלען זיי זיך שעהמען. ער האט זיך ניט וואס צו שעהמען. זיי זענען פארברעכער. ער איז דאס אבער ניט.

---

שטאלץ זיך האלטען איז א מדה טובה. עס קענען אבער אזוינע סיטואציאנען זיין אין לעבען פון א מענשען, וואס דאס שטאלץ זיך האלטען הייסט, דוקא ביז צו דער גרעסטער מאס שפלות, אפהענגיגקייט פון יענעם אויף זיך ארויפציהען: פיהרען זיך דוקא, ווי ער דענקט, אז מען באדארף זיך פיהרען. אקצעפטירען דוקא די אנשויאונגען, וואס ער האט אקצעפ־טירט; וואס דאס שטאלץ זיך האלטען ווערט פארוואנדעלט אין נארישער, פוסטער גאוה, איי פארברעכען.

און מען דערצעהלט פון א גרויסען אידישען גדול, אז ער האט געהערט, ווי מען האט דערצעהלט, ווי א איד איז געשטארבען אין מיטען גאס פון הונגער.

האט זיך דער גדול דאן אנגערופען: „עס איז ניט אמת. ער איז ניט געשטארבען פון קיין הונגער, ער איז געשטארבען

פון נארישער גאוה, פון אכזריות צו זיך. איהר פארשטעהט דאך, אז אין וואס פאר א אידישער שטוב ער זאל ניט געווען אריינגעהן און זאגען: „עס געהען מיר אויס די כחות, ניט מיר עפעס אפצועסען״ — וואלט מען זיין פארלאנג געווען ערפילט. ער האט דאס אבער ניט געטאן, ווייל ער איז געווען א נארישער בעל גאוה, אן אכזר צו זיך, איז ער דעריבער געשטארבען״.

פיערטע אָפּטיילונג

# גמילות חסדים

# גמילות חסדים

ניט קלענער איז ווערט פון דער געלטליכער הילף, מיט וועלכער מיר קומען אנטקעגען אונזערע מיטמענשען, איז אויך די ווערט פון דער הילף, מיט וועלכער מיר קומען זיי אנטקעגען אין אלע אנדערע מעגליכע פארמען.

ווארים אויך די לעצטע ליגט אלס חוב אויף אונז פונקט, ווי די ערשטע. מיר זענען מחויב שענקען אויפמערקזאמקייט, ארויסווייזען איינזעהעניש מיט אונזערע מיטמענשען אויף יעדען אופן, אויף וועלכען זיי קענען עס פון אונז פאדערען. מיר דארפען גומל חסד זיין מיט יעדען איינעם לויט דעם, ווי עס פאדערט די לאגע, אין וועלכער ער געפינט זיך.

„גמילות חסדים" — גומל חסד זיין מיט איינעם, אין וואס פאר א פארם עס זאל ניט זיין — איז איינע פון די דריי זאכען, וואס די וועלט שטעהט אויף זיי.

„על שלשה דברים העולם עומד — אבות פרק א׳: — על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים".

אויף דריי זאכען האלט זיך די וועלט: אויף תורה און אויף עבודה און אויף גמילות חסדים.

ווען יעדער איינער זאל נאר זיך אין זינען האבען, זאל נאר ניט וועלען טאן פאר דעם צווייטען, ווי וואלט זיך רען די וועלט קענען האלטען?

און ניט נאר האלט זיך די וועלט אויף גמילות חסדים, נאר אין זכות פון גמילות חסדים איז די וועלט אויך באשא־פען געווארען.

„גרויס איז גמילות חסדים, ווארים ווען ניט זי, וואלט דער מענש ניט באשאפען געווארען".

ווי וואלט דער בורא דעם מענשען באשאפען, ער זאל נהנה זיין פון דער שעהנער, רייכער וועלט, וואס ער האט צום לעבען ארויסגערופען, ווען ער, דער מענש, זאל ניט ווילינג זיין פאר דעם חסד, וואס דער בורא האט מיט איהם געטאן, מיט באגעהן זיך מיט חסד מיט זיינע מיטמענשען אפצאהלען.

---

און די מצוה פון גומל חסד זיין מיט יענעם איז נאך גרעסער פון דער מצוה פון צדקה געבען.

מיט גמילות חסדים הויבט זיך די תורה אן און ענדיגט זיך.

„רבי שמלאי האט געדרשנט — סוטה, י"ד: — די תורה הויבט זיך אן מיט גמילות חסדים און ענדיגט זיך מיט גמילות חסדים. זי הויבט זיך אן מיט גמילות חסדים, ווי עס איז געשריבען: „ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם" — און גאט האט געמאכט פאר אדמן און זיין ווייב מאנטלען פון פעל און האט זיי אנגעטאן אין זיי. און ענדיגט זיך מיט גמילות חסדים, ווי עס איז געשריבען: „ויקבור אותו בגיא" — און ער האט איהם באגראבען אין טהאל *).

גאט האט מיט משהן דעם לעצטען חסד געטאן. ער האט איהם צו קבורה געבראכט.

און רבי יוחנן האט געזאגט — ירושלמי פאה, פ"א: — „מיר ווייסען ניט וועלכע פון זיי איז באליעבטער: צדקה

---

*) זעה דאס קאפיטעל „דער חיוב צו געבען צדקה", דבור המתחיל: „וואס איז דאס" און די הערה דארטען.

אדער גמילות חסדים. אז ער זאגט אבער — תהלים, ק"ב: — „וחסד ה׳ מעולם ועד עולם על יראיו וצדקתו לבני אדם" — און דער חסד פון גאט איז פון אייביג ביז אייביג פאר די, וואס האבען מורא פאר איהם. און די צדקה זיינע דערגרייכט די מענ־שען — איז א סימן, אז חסד איז באליבטער פון צדקה, ווארים ביי חסד שטעהט „יראיו", די, וואס האבען מורא פאר איהם, די צדיקים. און ביי צדקה שטעהט „בני אדם" — סתם מענשען".

און מיט דריי זאכען איז גרעסער גמילות חסדים פון צדקה — סוכה, מ"ה: — „צדקה טהוט דער מענש נאר מיט דעם געלט זיינעם; צדקה איז אויך נאר פאר ארימע, ווי אויך נאר פאר לעבעדיגע. גמילות חסדים איז אבער סיי מיט דעם גוף פון מענשען, סיי מיט זיין געלט; סיי פאר ארימע, סיי פאר רייכע; סיי פאר לעבעדיגע, סיי פאר טויטע".

פיעלע וויסען — שרייבט רבי יונה מגירונדי אין זיין אגרת יסוד התשובה — דער חיוב פון דער מצוה פון צדקה און דעם שכר וואס מען קריגט, ווען מען איז זי מקיים. זיי וויסען אבער ניט, ווי גרויס די מצוה פון גמילות חסדים איז, די מצוה פון גמילות חסדים, וואס יעדער איינער קען מקיים זיין אפילו אז ער איז אן ארימאן און ער פארמאגט ניט קיין געלט צו מנדב זיין. שוין גאר מיטן מויל זיינעם קען ער די דאזיגע מצוה מקיים זיין. שוין גאר מיט די רייד זיינע קען ער א „רב פעלים" זיין, רעדענדיג צום מענשען דברי פיוס און ארויסווייזען איהם גוטען ווילען. א צווייטער אופן פון גמילות חסדים איז, מען זאל לייהען געלט דעם ארימאן. א דריטער אופן, ער זאל איהם אן עצה הגונה געבען. א פיערטער אופן איז, ער זאל לערנען אלעמען, זיי זאלען טוב וחסד טאן.

„דו זאלסט ניט זעהן — זאגט אן די תורה אין דברים, כ"ב — דעם אקס פון דיין ברודער אדער זיין שאף פון וועג אראפגעשטויסען ווערען און פארהוילען דיינע אויגען פון זיי. אומקעהרען זאלסטו זיי צו דיין ברודער. און אויב ער איז ניט קיין נאהענטער צו דיר, דער ברודער דיינער, זאלסטו דעם אקס אריינגעהמען צו דיר אין הויז, און ער זאל מיט דיר זיין, ביז דיין ברודער וועט נאך איהם פארשען, וועסטו איהם דעמאלט אומקעהרען צו איהם".

„און אזוי זאלסטו אויך טאן צו זיין עזעל, און אזוי זאלסטו טאן צו זיין קלייד, און אזוי זאלסטו טאן צו יעדער אבידה פון דיין ברודער, וואס וועט פון איהם פארלארען געהן, און דו וועסט זי געפינען".

„דו זאלסט ניט זעהן דאס עזעל פון דיין ברודער אדער זיין אקס פאלען אין וועג — און דו זאלסט זיך פארהוילען פון זיי. דו זאלסט איהם העלפען זיי אויפהויבען".

או מיר זענען מחויב דאס אלעס צו טאן ניט נאר אין באצוג צו אונזערע פריינד און באקאנטע, נאר אויך אין באצוג צו אונזערע שונאים.

„אויב דו וועסט באגעגענען — ווערט אין אן אנדער ארט אין דער תורה — אין משפטים — געזאגט — דעם אקס פון דיין פיינט אדער זיין עזעל בלאנדזשען, זאלסטו איהם אומקעהרען צוריק".

„אז דו וועסט זעהן דאס עזעל פון דיין שונא ליגען אונטער זיין משא, קענסטו זיך וועלען אפהאלטען פון צו העלפען איהם — זאלסטו דאס ניט טאן. נאר העלפען זאלסטו איהם העלפען באפרייען דאס עזעל פון דער משא".

„אז איינער זעהט דעם שונא זיינעם — זאגט דער מדרש תהלים, כ"ב — אויף דעם שפיץ דאך, און ער שפארט איהם אראפ, אדער ביים ברונים און ער גיט איהם א שטויס —

הייסט דאָס דען גבורה? נאָר ווער דען ווערט אָנגערופען א גבור? אז ער זעהט דאָס ער האַלט ביים פאַלען, אדער, אז ער זעהט, דאָס ער פאַלט אריין אין גרוב אריין, און ער נעהמט איהם אַרויס פון דאָרטען".

מעג ער אונזערער אַ שונא זיין, הערט ער נאָך אַלץ ניט אויף צוליעב דעם אונזערער א ברודער צו זיין.

און אויך בנוגע צו איהם האָבען מיר די זעלבע פאַר־פליכטונגען, וואָס מיר האָבען צו אַלע אַנדערע אונזערע מיט־מענשען.

---

און ווי גרעסער עס איז גמילות חסדים פון צדקה אין ווערט, אזוי איז אויך גרעסער און זיכערער דער שכר איהרער.

רבי אלעזר האָט געזאָגט — סוכה, מ"ט: — „גמילות חסדים איז גרעסער פון צדקה, וואָרים עס איז געזאָגט גע־וואָרען: „זרעו לכם לפי צדקה וקצרו לפי חסד" — „אַז אַ מענש פאַרזייהט איז אַ ספק, צי ער וועט עסען דאָס פאַר־זייהטע, צי ער וועט עס ניט עסען; ווען א מענש שניידט אָבער, איז ער זיכער, אַז ער וועט עס עסען".

און רבא *) און אביי — ראש השנה, י"ח — זיינען ביידע פון „בית עלי" אַרויסגעקומען, וואָס עס איז אויף זיי נגזר געוואָרען, זיי זאָלען ניט אויסלעבען זייערע יאָהרען, איז רבא, וואָס האָט עוסק געווען נאָר אין תורה, האָט געלעבט פערציג יאָהר, און אביי, וואָס האָט עוסק געווען אין תורה און אין גמילות חסדים, האָט געלעבט זעכציג יאָהר.

---

*) אָן אַנדער גירסא — אַזוי איז זי אויך אין פירוש רבנו חננאל — איז רבה. וואָרים רבא איז קיין כהן ניט געווען.

פינפטע אָפּטיילונג

# לייהען און אַנטלייהען

# לייהען און אַנטלייהען

.1

און נאָך גרעסער פון דער געלטליכער הילף, וואָס מיר גיבען אונזערע מיט־מענשען דורך צדקה, איז די געלטליכע הילף, וואָס מיר גיבען זיי ב„תורת הלואה“. לייהען געלט, צו די וואָס נויטיגען זיך אין דעם, איז נאָך גרעסער פון צדקה געבען. „גרעסער איז דער מלוה — שבת, ס"ג — פון דעם, וואָס טהוט צדקה“. „דער וואָס לייהט אַ סלע צום אָרימאַן בשעת דוחקו“ — דרך ארץ זוטא, פרק ט׳ — אויף איהם זאָגט דער פסוק — ישעיה, נ"ח — „דעמאָלט וועסטו רופען, און גאָט וועט דיר ענטפערען“.

עס איז א מצות עשה — שרייבט דער רמב"ם אין הלכות מלוה ולוה, פרק א׳ — צו לייהען געלט צו די אידישע אָרימע לייט. און די דאָזיגע מצוה איז גרעסער פון געבען צדקה דעם אָרימאַן, וואָס בעט. וואָרים יענער איז דאָך שוין גע־וואָרען אַ „פושט יד“ און דער איז נאָך ניט געקומען צו דער דאָזיגער מדרגה.

דורך געבען דעם נויט־באַדערפטיגען די נויטיגע הלואה אין צייט, קען מען איהם אָפטמאָל אָפּהיטען דערפון, ער זאָל דאַרפען אַ יורד ווערען, קען מען ברענגען דערצו, ער זאָל ניט נאָר קיין מקבל ניט ווערען, נאָר ער זאָל נאָך אויך קענען אַ נותן זיין שטענדיג. ניט נאָר ער זאָל אַליין ניט דאַרפען אָנקומען צו יענעמס הילף, נאָר ער זאָל נאָך בכח זיין אַנדערע מיט זיין הילף אין אַ נויט בייצושטעהן.

און מיר טארען ניט זוכען פאר אונז דעם זיכערען וועג דוקא אין דער הילף, וואס מיר גיבען איינעם דורך אן הלואה: אנטלייהען געלט יענעם נאר אין אזוינע פעלע, ווען מיר האבען די פולע זיכערקייט, אז מיר וועלען עס געוויס צוריק־קריגען. מיר דארפען זיין פעהיג מקיים צו זיין די דאזיגע מצוה אויך דאן, ווען מיר קענען די דאזיגע זיכערקייט ניט האבען. מיר באדארפען וויליג זיין אויך א ריזק צו נעהמען.

„אז עס וועט זיין אין דיר אן ארימאן — זאגט די תורה אין דברים, ראה — פון איינעם פון דיינע ברידער אין איינעם פון די טויערען, אין דיין לאנד, וואס גאט דיין גאט גיט דיר, זאלסטו ניט שטארק מאכען דיין הארץ און זאלסט ניט פאר־מאכען דיין האנט פאר דיין ברודער דעם ארימאן: נאר עפענען זאלסטו עפענען דיין האנט צו איהם און לייהען זאלסטו איהם לייהען, לויט דער נויט, אין וועלכער ער גע־פינט זיך. היט זיך עס זאל ניט זיין א זינדיגער געדאנק אין דיין הארצען צו זאגען: דאס זיבעטע יאהר, דאס יאהר פון שמיטה, איז נאהענט. עס זאל ניט שלעכט זיין דיין אויג אין דיין ברודער דעם ארימאן, דו זאלסט איהם ניט וועלען געבען צוליעב דעם שמיטה יאהר. ווארים ער וועט שרייען וועגען דיר צו גאט — און עס וועט זיין אין דיר א זינד. געבען זאלסטו איהם געבען, און עס זאל ניט שלעכט זיין דיין הארץ, אז דו וועסט איהם געבען, ווארים צוליעב דעם וועט דיך בענטשען גאט דיין גאט אין אלעם דעם, צו וואס דו וועסט אויסשטרעקען דיין האנט".

און על אחת כמה וכמה, אז מיר טארען דורכדעם, דורך דער געלטליכער הילף וואס מיר גיבען איינעם בתורת הלואה, קיין פארדינסטען פאר זיך ניט זוכען, אז עס באדארף פאר אונז ניט אלס מקור פון פרנסה זיין.

דער וואס גיט אויף פראצענט — ברענגט דער רמב"ם אלס פסק הלכה אין הלכות מלוה ולוה, פרק א׳ — איז עובר אויף א א סך „לאוען". א איד טאר אויך ניט אנהענגען זיין געלט אין א גוי, כדי יענער זאל עס אוועקגעבען אויף פראצענט צו א אידען.

„און רבי יוסי האט געזאגט — בבא מציעא, ע"א: — קום און זעה, ווי בלינד עס זענען די אויגען פון די, וואס אנטלייהען געלט אויף פראצענט. אז איינער רופט דעם חבר זיינעם גוי *), נואף און רוצח, וויל דער באליידיגטער איהם יורד לחייו זיין און אט דער דינגט די עדות און דעם שרייבער און זאגט צו זיי: „קומט און זאגט עדות אויף מיר, אז איך בין א „כופר בעיקר". ווארים דער וואס אנט־לייהט געלט אויף פראצענט איז א כופר בעיקר. און נאך וואס **): זיי מאכען די תורה פאר א פאלשער תורה און משהן פאר א טפש, און זיי זאגען: „ווען משה וואלט געוועז וויסען, אז מען פארדינט דערביי אזוי גוט, וואלט ער דאס ניט געוועז געשריבען".

און ניט נאר אין דער פארם פון געלט טאר מען קיין פראצענט ניט נעהמען, נאר אויך אין אירגענד וועלכער אנ־דער פארם.

אויב איינער האט געליהען געלט זיין חבר — ברענגט דער רמב"ם אלס פסק הלכה אין הלכות מלוה ולוה, פרק ה׳ — און ער — דער לוה — פלעגט זיין געוועהנט פון פריהער איהם — דעם מלוה — מקדים שלום צו זיין, טאר ער איהם ניט איצט מקדים שלום זיין. און א כל־שכן שוין ער זאל איהם לויבען

*) אין בבלי נאר רשע.

**) אין בבלי בלשון „סגי נהור": „שמשימים משה אמת ותורתו אמת".

מיט רעה, אדער ער זאל זיך פעדערען צו זיין טיר. ווארים עס איז געזאגט געווארען — דברים, כ״ג: — „נשך כל דבר״ — אפילו רייד זענען אסור. און אט אזוי טאר ער אויך ניט לערנען דעם מלוה מקרא אדער גמרא, כל זמן זיין געלט איז אין זיין האנט, אויב ער פלעגט עס פריהער ניט טאן.

---

און ווי די צדקה, וואס מיר גיבען, דארף פון דעם עלע־מענט פון רחמנות דורכגעדרונגען זיין, אזוי באדארף אויך די הילף, וואס מיר גיבען יענעם דורך אן הלואה, פון רחמנות דורכגעדרונגען זיין. עס באדארף זיך אין אונזער מהאט גרוים מיטגעפיהל, גרוים מיטלייד צום לוה אפשפיגלען.

און אזוי ווי אין צדקה איז פארהאן דער ענין פון געבען איידער דער ארימאן בעט, אזוי איז אויך אין דעם העלפען יענעם דורך אן הלואה דער דאזיגער ענין פארהאן.

אויב מיר ווייסען, אז אונזער פריינט נויטיגט זיך אין אן הלואה לפי שעה, דארפען מיר איהם אליין פארלעגען, ער זאל ביי אונז אן הלואה נעהמען. כדי צו מאכען פיהלען איהם גוט, כדי צו באפרייען איהם פון דעם שווערען נסיון פון בעטען.

און אז מיר האבען געליהען געלט אימיצען, און ער האט אונז ניט אפצוגעבען, טארען מיר ניט זיין צודרינגליך צו איהם. דער וואס מאנט — שרייבט דער רמב״ם אין הלכות מלוה ולוה, פרק א׳ — צודרינגליך דעם ארימאן, און ער ווייסט, אז ער האט ניט וואס צו געבען, איז ער עובר אויף א „לא תעשה״. ווארים עס איז געזאגט געווארען: „לא תהיה לו

כנושה" — שמות, כ"ב — דו זאָלסט ניט זיין צו איהם ווי א מאַנער.

„דער מלוה טאָר זיך ניט ווייזען פאַר זיין בעל חוב, ווען ער ווייסט, אַז ער האָט קיין געלט ניט. אפילו פאַרבייגעהן פאַר איהם טאָר ער ניט, כדי ער זאָל איהם ניט איבערשרעקען אָדער פאַרשעהמען". ער טאָר דאָס ניט טאָן, כאָטש דאָס געלט, וואָס יענער איז איהם שולדיג, מאָנט ער איהם ניט.

„און אַז דער מלוה נעהמט אַ משכון ביים בעל חוב *) — הלכות מלוה ולוה, פרק שלישי — טאָר ער ניט נעהמען אַלס משכון אַזוינע זאַכען, וואָס דער בעל־חוב ציהט דורך זיי זיין פּרנסה. און עס קענען אויך ניט גענומען ווערען דורך דעם שליח בית־דין אפילו אַלס משכון פאַר אַ חוב אַזוינע זאַכען, וואָס אַ מענש קען זיי ניט אַוועקגעבען אַלס משכון, ווי מלבושים, וואָס מען טראָגט אויף זיך, אָדער כלים, וואָס מען עסט אין זיי, אָדער די בעט, אין וועלכער מען שלאָפט.

„און אויב ער האָט גענומען — דער מלוה — אַזוינע זאַכען ביים בעל חוב, וואָס ער — דער בעל חוב — דאַרף זיי ניט דעם גאַנצען מעת לעת, אַ געוויסע צייט אין מעת לעת דאַרף ער זיי אָבער יאָ האָבען, ווי די קישען, אויף וועלכער ער שלאָפט ביי נאַכט, און דעם אַקער, מיט וועלכען ער אַקערט ביי טאָג, דאַרף איהם דער מלוה אומקעהרען די כלים אויף דער צייט פון מעת לעת, וואָס דער בעל חוב דאַרף

*) און ביי אַן אַלמנה — פּסקנט דער רמב"ם — טאָר מען אינגאַנצען קיין משכון ניט נעהמען. און עס איז וועגען דעם גאָר אַ גרויסע מחלוקת הפוסקים פאַרהאַן.

זיי האבען. די טאָג כלים דאַרף ער איהם אומקעהרען אויף ביי טאָג, און די נאַכט כלים — אויף ביי נאַכט *).

---

און אז ער נעהמט דער מלוה א משכון פון דעם לוה אויף דעם חוב, וואס ער איז איהם שולדיג, טאָר ער ניט אין שטוב פון לוה אריינקומען, ער זאָל דאַרטען דעם משכון נעהמען. ער באַדאַרף אין דרויסען שטעהן און וואַרטען ביז דער לוה וועט איהם דעם משכון אין דרויסען אַרויסטראָגען. „כי תשה ברעך משאת מאומה" — לייענען זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין די פסוקים אין דברים, כ"ד — „לא תבוא אל ביתו לעבט עבוטו. בחוץ תעמוד, והאיש אשר אתה נושה בו יוציא אליך את העבוט החוצה" — אז דו וועסט לייהען דיין פריינד אירגענד וועלכע הלואה — זאָלסטו ניט אריינקו־

---

*) אם חבל תחבל את שלמת רעך — עד בא השמש תשיבנו לו. כי היא כסותה לבדה, היא שמלתו לעורו. במה ישכב? והיה כי יצעק אלי — ושמעתי, כי חנון אני" — משפטים, כ"ג — אויב דו וועסט נעהמען אַלס משכון דעם מאַנטעל פון דיין פריינד — זאָלסטו איהם איהם אומקעהרען, ווען די זון פאַרגעהט. וואַרים דאָס איז דער איינציגער בגד פאַר זיין לייב. מיט וואָס וועט ער זיך לעגען שלאָפען? און עס וועט זיין, אַז ער וועט שרייען צו מיר — וועל איך הערען. וואַרים איך בין אַ דערבאַרעמדיגער.

און אין אַן אַנדער אָרט:

„ואם איש עני הוא, לא תשכב בעבטו. השיב תשיב לו את העבוט, כבוא השמש, ושכב בשמלתו וברכך" — דברים, כ"ד — און אויב ער איז אַן אָרימאַן — זאָלסטו זיך ניט לעגען שלאָפען מיט זיין משכן. דו זאָלסט איהם אומקעהרען דעם משכון, ער זאָל קענען זיך לעגען אין זיין קלייד און ער וועט דיך בענשען דערפאַר.

מען צו איהם אין הויז צו נעהמען דעם משכון זיינעם. אין דרויסען זאלסטו שטעהן, און דער מענש, וואס דו ביזט דער מלוה זיינער — זאל דיר ארויסטראגען דעם משכון אין דרויסען.

און פונקט ווי יעדער איינער באדארף זיך אנשטרענגען, ער זאל קענען א געוויסע סומע פון זיין איינענם אויף צדקה אוועקגעבען, אזוי באדארף ער זיך אויך אנשטרענגען צו געפינען די מעגליכקייטען, ער זאל קענען א צווייטען א מאל מיט אן הלואה ארויסהעלפען. אונזער אייגענע ארימקייט, דאס וואס מיר לעבען אליין אין דחקות, דארף פאר אונז קיין תירוץ ניט זיין, צו באפרייען אונז פון דער דאזיגער פליכט.

אזוי ווי די מצוה פון צדקה געבען איז מחויב צו מקיים זיין דער אפילו, וואס איז אליין א מתפרנס מן הצדקה, אזוי באדארף דער אפילו, וואס מוז זיך אליין ארויסהעלפען שטענדיג דורך הלואות נעהמען ביי אנדערע, ארום די גרעניצען פון זיינע מעגליכקייטען אויך אנדערע מיט דעם זעלבען צו העלפען.

אויב יעדער רייכער מאן האט געוויס צווישען די מענשען פון זיינע קרייזען אזוינע, וואס ער וואלט געקענט מיט א גרויסער הלואה אויף די פיס שטעלען, אמאל אויך מיט א שטענדיגער פרנסה דורכדעם זיי פארזארגען, האט אויך דער ארימאן צווישען זיינע קרייזען אזוינע, וואס אן הלואה פון דער קלענסטער סומע אפילו, קען פאר זיי פון גאר גרויסער הילף זיין.

אויף יעדען רייכען מאן איז א נאך רייכערער פארהאן. און אויך אויף יעדען ארימאן איז א נאך גרעסערער ארימאן פארהאן. און וואס ארימער איינער איז ניט, פון אלץ גרע־

סערעז ווערט איז פאר איהם יעדע בתורת הלואה הילף, ווי קליין זי זאל אפילו ניט זיין.

---

און ווי ביי צדקה איז אז וואויל איז דעם, וואס לעבט אין דחקות, וואס מאטערט זיך אין זיין נויט, אבי ער זאל ניט דארפען קיין נהנה מן הצדקה זיין, אזוי איז אויך בנוגע אנצוקומען צו יענעם צו לייהען געלט ביי איהם נאר א גרויסע מדרגה, אז מען שטרענגט זיך אן, מען זאל עס, ווי ווייט מעגליך, אויסמיידען. עס באדארף דער מענש אנווענדען אלע זיינע כחות, ער זאל דארפען וואס ווייניגער דאנקבאר זיין יענעם, ער זאל וואס ווייניגער בעלי־טובות איבער זיך האבען. עס באדארף יעדער איינער גרייט זיין שטענדיג יענעם אין א נויט ביישטעהן. ער אליין אבער באדארף זיך די גרעסטע מיה געבען ער זאל צו יענעם ניט דארפען אנקומען. פונקט ווי מען באדארף האבען א גרינגע האנט אויף צו געבען, אזוי באדארף מען האבען א שווערע האנט אויף צו נעהמען אין וואס פאר א פארם עס זאל ניט זיין.

.2

און אזוי ווי דער מלוה האט געוויסע פארפליכטונגען צום לוה, אזוי האט אויך דער לוה געוויסע פארפליכטונגען צום מלוה.

„אזוי ווי דער מלוה — ברענגט דער רמב״ם אלס פסק הלכה אין הלכות מלוה ולוה, פרק א׳ — טאר ניט מאהנען, אזוי טאר ניט דער לוה, ווען ער האט, איינהאלטען דאס געלט פון זיין חבר אין זיין האנט. ווארים עס איז געזאגט געווארען — „משלי״, ג׳ — „אל תאמר לרעך: לך ושוב״ — דו זאלסט ניט זאגען צו דיין חבר: געה און קעהר זיך אום

נאָך אַ מאָל *). מעג דער מלוה אַ גרויסער עושר זיין, ווערט דער לוה אויך דאָן אָנגערופען רשע, אויב ער גיט איהם ניט אָפּ דעם חוב. עס איז געזאָגט געוואָרען — תהלים, ל"ז: — „לוה רשע ולא ישלם" — דער רשע לייהט און באַצאָהלט ניט. און די חכמים האבען געזאָגט — אָבות, פּרק ב׳: — „יהי ממון חברך חביב עליך כשלך" — זאָל זיין דאָס געלט פון דעם חבר דיינעם באַליבט אויף דיר, ווי דיין אייגען געלט.

אז מען איז שולדיג געלד, דאַרף מען פיהלען אויף זיך אַן עול שטענדיג. מען באַדאַרף געדענקען שטענדיג, אַז מען האָט אויף זיך אַ חוב צו צאָהלען.

„אם לוית — ווערט אין דרך ארץ זוטא, פּרק ג׳, געזאָגט — לוית על מנת לפרוע" — אויב דו האָסט געליהען געלט פון יענעם, האָסטו דאָס געליהען אויף דעם תנאי צו באַצאָהלען **).

און נאָך מעהר:

מען באַדאַרף זיך פיהלען גלייך, ווי מען באַדאַרף גאָט אַליין דעם דאָזיגען חוב אָפּצאָהלען, גלייך, ווי מען איז איהם אַליין דעם חוב שולדיג.

---

*) אַל תאמר לרעך: „לך ושוב, ומחר אתן" — ויש אתך — דו זאָלסט ניט זאָגען צו דיין חבר — געה און קום נאָכאַמאָל, מאָרגען וועל איך דיר געבען — ווען דו האָסט איצט מיט זיך. פון דעם ענין דאַרטען ווייזט אויס, אַז דאָרטען רעדט זיך בכלל וועגען יענעם אַ טובה טאָן. נאַטירליך, אָבער, אַז עס איז שוין דורכדעם אויך דער ענין פון אומקעהרען אַ חוב במשמע דאָרטען.

**) דער גאַנצער מאמר לעזט זיך דאָרטען ווי פאָלגט: „אם ערבת — ערבת על מנת לשלם; אם לוית — לוית על מנת לפרוע, ואם הלוית — הלוית על מנת לתבוע" — אויב דו האָסט ערב געווען — האָסטו ערב געווען על מנת צוצאָהלען; אויב דו האָסט געליהען — האָסטו געליהען על מנת אָפּצוגעבען; אויב דו האָסט יענעם אַ הלואה געגעבען — האָסטו איהם געגעבען על מנת צו מאָהנען.

„אחד הלוה מן האדם — אבות, פרק ב׳ — כלוה מן המקום״ — אז איינער לייהט פון א מענשען, איז גלייך, ווי ער לייהט פון גאט.

„אין אדם כופר בעמיתו — תוספתא שבועות, פרק ג׳ — עד שכופר בעיקר״ — עס פארלייקענט ניט איינער א חוב זיין חבר, ביז ער ווערט אויך ניט קיין כופר בעיקר.

---

און דער לוה איז אויך מחויב אומקעהרען דעם חוב אויף דעם זעלבען אופן, וואס ער האט איהם גענומען. ער טאר ניט „צעברעקלען״ די סומע, וואס ער האט גענומען. ער בּאדארף דעם גאנצען חוב אפּצאהלען מיט א מאל. ניט אין קליינע אפּצאהלונגען איהם אומקעהרען.

„אמר רב: המלוה לחברו מנה ופרעו דינר, דינר — פרעון הוא, אלא תרעומות יש לו עליו, שהרי זה כאלו הפסיד ממונו״.

רב האט געזאגט: אז איינער אנטלייהט צו זיין חבר א מנה, און יענער האט איהם אויסגעצאהלט דינר־ווייז הייסט עס, אמת, אפּגעצאהלט, נאר ער קען אויף איהם תרעומות האבען. ווארים דאס הייסט גלייך, ווי ער וואלט „מפסיד את ממונו״ געווען.

און ער — דער לוה — דארף נזהר זיין און אפּצאהלען די חובות אפילו, ווי מיר האבען שוין אויבען געזאגט, דער מלוה איז גאר א גרויסער עושר. ווען גאט זאל וועלען, ער זאל ווניגער האבען, וואלט ער אליין ביי איהם זיין פארמעגען צוגענומען. דו באדארפסט ניט גאטס אומגעבעטענער שליח זיין. מעג ער א גרויסער עושר זיין — איז נאך אלץ דער חוב, וואס דו ביזט איהם שולדיג, זיין אייגענטום, און דו

באַדאַרפסט איהם אָפּגעבען דאָס, וואָס דו האָסט גענומען ביי איהם.

און ניט נאָר אַ „גוזל את היחד“ ווערסטו דורך דעם, נאָר אויך אַ „גוזל את הרבים“.

דו ווערסט דורך דעם אַ „נועל את הדלת בפני הלווים“. דורך דעם, וואָס דו גיסט ניט אָפּ דעם מלוה דעם חוב, וואָס דו ביזט איהם שולדיג, ברענגסטו דערצו, דער מלוה זאָל די טיר זיינע פאַרשליסען פאַר די, וואָס באַדאַרפען געלט. דו באַגעהסט דעם פאַרברעכען, און אַנדערע, פונקט אַזוינע נויט־באַדערפטיגע, אָדער נאָך גרעסערע, ווי דו, ווערען באַשטראָפט דערפאַר.

און על אחת כמה וכמה אַז מיר באַדאַרפען געוואַלדיג נזהר זיין, מיר זאָלען אָפּגעבען אָט יענע חובות, וואָס מיר האָבען געליהען ביי אַזוינע, וואָס זיי זענען אַליין אָרימע לייט. אין דעם פאַל ביזטו ניט נאָר אַ גורם דערצו, אַז די טיר זאָל פאַר די לווים פאַרמאַכט ווערען, נאָר דו אַליין פאַר־מאַכסט זיי טאַקע. מעגליך, אַז אָט דער חוב, וואָס דו ביזט איהם — דעם מלוה דיינעם — שולדיג, איז גאָר דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער פאַרמאָגט אויף צו העלפען מיט דעם בתורת הלואה יענעם. מעגליך, אַז דאָס איז דער לעצטער אָפּגע־שפּאַרטער, אָפּגעריסענער גראָשען, וואָס ער האָט אין זיין רשות פאַר דעם דאָזיגען צוועק, און אַז דו נעהמסט איהם אַוועק, מאַכסטו פאַר איהם אַבסאָלוט אונמעגליך, ער זאָל אויך אַנדערע אויף דעם זעלבען וועג העלפען, ווי ער האָט דיך געהאָלפען.

אין דעם פאַל ביזטו ניט נאָר אַ „גוזל את הרבים“, נאָר ביזט אויך גורם גרויסען צער און שפיכות דמים צום בעל טובה דיינעם. דורכדעם, וואָס דו ברענגסט איהם דערצו,

ער זאָל דאַרפֿען אָפּזאָגען דעם, וואָס ווענדעט זיך צו איהם אין אַ נויט. וואָרים פּונקט ווי עם געהט אָפּ מיט בלוט דער, וואָס דאַרף בעטען הילף ביי יענעם, אזוי ליידט אויך שפיכות דמים גרויסען דער ,וואָס וויל העלפֿען, ווען א נויטליידענדער ווענדעט זיך צו איהם, און קען ניט העלפֿען.

זעקסטע אָפּטיילונג

# אָרים און רייך

.1

## אָרים און רייך

און עס ליגט אַ גרויסער חוב אויף אונז, מיר זאָלען אַלע ביז גאָר נזהר זיין אין די אַלע התחייבותן, וואָס מיר האָבען אויף זיך בנוגע צו די אָרימע לייט.

ווארים דער, וואָס דערווייטערט זיך פון דעם ארימאן, איז גלייך, ווי ער דערווייטערט זיך פון גאָט. דער, וואָס איגנאָרירט דעם אָרימאן, איז גלייך, ווי ער איגנאָרירט די שכינה.

אַז וועה איז צו דעם — לערנען מיר אין „זוהר, יתרו, פ"ו — וואָס דער אָרימאן קלאָגט זיך אויף איהם פאַר זיין באַשעפער. ווארים דער אָרימאן איז נעהענטער צום מלך מעהר ווי זיי אַלע, ווי עס איז געשריבען „והיה, כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני" — און עס וועט זיין, אַז ער וועט שרייען צו מיר וועל איך הערען, ווארים איך בין אַ דער־באַרעמדיגער. צו די איבעריגע מענשען אָבער פון דער וועלט — איז אַמאָל הערט ער זיי און אַמאָל ניט. פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ווייל די וואוינונג פון מלך איז אין די דאָזיגע צובראָכענע כלים, ווי עס איז געשריבען „ואת דכא ושפל רוח" — ישעיה, נ"ו — גאָט איז מיט די צושטויסענע און געפאַלענע ביי זיך. און עס איז געשריבען: „קרוב ה' לנשברי לב" — תהלים, ל"ד — גאָט איז נאָהענט צו די האַרצגעבראָ־כענע. „לב נשבר ונדכה, אלהים, לא תבזה" — דאָרטען, נ"א — אַ צובראָכען האַרץ טהוסטו, גאָט, קיין חרפּת פנים ניט אָן. און פון דאַנען האָבען מיר נעלערענט, אַז דער וואָס שרייט

אויף אַן אָרימאַן איז גליך, ווי ער שרייט אויף דער שכינה. ווארים עס שטעהט געשריבען: „ואת דכא ושפל רוח". און ווידער שטעהט געשריבען: „כי יריב ה׳ את ריבם" — משלי, כ"ב — ווארים גאָט שטעהט מיט זיי אין קריעג זייערען.

---

רייכקייט פאַרפיהרט דעם מענשען. רייכקייט שאַפט מענ־ליכקייטען פאַרן מענשען, ער זאָל אַ זינדיגער זיין. רייכקייט ברענגט איהם, ער זאָל זיך קענען נאָכגעבען תאוות פיעלע, ער זאָל קענען אַ „גאֶ" זיין, פאָדערען כבוד פון אַלעמען, קוקען אויף זיך, ווי ער וואָלט אין צענטער פון דער וועלט גע־שטאַנען.

רייכקייט מאַכט אויך אין אַ געוויסען זין פאַר אַן אַכזר דעם מענשען. ניט וויסענדיג אַליין פון ליידען, ניט פיהד־לענדיג אַליין קיין נויט, קען ער ניט מיטפיהלען מיט די, וואָס קומט אוים ליידען נויט, קען ער קיין טיעפען מיטגע־פיהל צו יענעם ניט האָבען. פיהלען יענעמס צער קען נאָר דער, וואָס איהם אַליין קומט אוים אָפט אין צער לעבען.

און אפילו ווען ער איז פון דער נאַטור ניט קיין אַכזר, ווען ער איז אפילו נים מיט רשעות אין זיין הארצען גע־באָרען געוואָרען, ווערט ער מיט דער צייט דורך זיין רייכ־קייט דאָך אין אַ געוויסער מאָס אין אַן אַכזר פאַרוואַנדעלט, פאַרקלייבט זיך דאָך מיט דער צייט דורך זיין רייכקייט אַ געוויסע רשעות אין זיין הארצען.

שוין דער פאַקט אַליין פון זיין זיין באַוואוסט דאַרויף שטענדיג, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ ריעזינען איבער־פלוס פון לעבענס־מיטלען, דאַן, ווען עס געפינען זיך אַזוי פיעל אומצעהליגע מחנות, וואָס פאַרמאָגען ניט אפילו די סאמע־נויטיגסטע לעבענס־מיטלען, מוז זיין „פיינע" ערציהע־

רישע ווירקונג אויף איהם האבען, מוז אויסאיבען זיין איינ־פלוס, דאס רחמנות־געפיהל וואס לעבט אין איהם צו פאר־טעמפען, דעם זין פאר פרעמדע צרות אין איהם צו פאר־קלענערען.

שוין אט דער פאקט אליין, וואס דעם רייכען מענשען קומט אוים אזוי פיעל נויט שרעקליכע, צער גרויסען פאר־בייגעהן, ניט שענקענדיג זיי קיין אויפמערקזאמקייט, וואס ער האט אזוי פיעל מעגליכקייטען זיך „איינצוברעכען", ניט צו לאזען זיך באהערשען פון רחמנות־געפיהל, וואס עס קומט איהם אוים אזוי פיעל מאל אפילו גאנץ נאהענטע מענשען אפצוזאגען, ווען זיי ווענדען זיך צו איהם נאך הילף, מעג ער עס אפילו קלאהר זעהן פאר זיינע אויגען, אז זיין הילף איז די איינציגע רעטונג פאר זיי, אז אהן איהר וועלען זיי צוגרונד מוזען געהן; שוין אין דעם פאקט אליין איז גענוג כח פון היפנאז פארהאן, זיי — די רייכע — זאלען אכזרים ניט נאר מאונס זיין, ווייל זיי ציטערען איבער זייער געלד, נאר אויך מרצון, צוליעב חוסר רחמנות. דאס שטענדיג ערציהען זיך אין פארבויגען אין זיך דאס רחמנות־געפיהל, אין פאר־טויבען אין זיך דאס קול פון געוויסען, אין באקעמפען ביז צום איבערברעכען אין גאנצען דעם ערשטען אימפולס פון מענשען — צו הילף קומען דעם צווייטען ווען ער דערזעהט איהם אין אן עת צרה: דאס אלעם איז שטארק גענוג צו ענטוויקלען אן אכזר אין דעם מענשען, אויסצוטריקענען דעם רחמנות־קוואל אין איהם, אויב ער איז אפילו פון דער נאטור ניט קיין אכזר, אויב ער איז אפילו פון דער נאטור יא גע־בענטשט געווארען מיט דער רחמנות־געפיהל.

דער גאר רייכער מאן מוז שוין גאר א גרויסער בעל־צדקה זיין דארויף, ער זאל קענען אויסקויפען די זינד, וואס ער באגעהט שוין אפילו אינדירעקט דורך זיין רייכקייט.

און ווען ער איז נאך ניט גאר קיין גרויסער בעל צדקה ניט, נאר ער איז נאך גאר אין גאנצען קארג אויף צדקה, איז דאס שוין גאר אין גאנצען זיכער, אז עס לעבט אין איהם א רשע א גרויסער, וואס איז גאר ניט ווערט צו לעבען אויף דער וועלט.

— ווארים יעדער מענש — ווערט אין „זוהר" בראשית, ק"ט, געזאגט — וואס איז א צר עין לגבי דעם ארימאן, וואלט גוט געוועז, ער זאל גאר אין גאנצען ניט לעבען אויף דער וועלט. און ניט נאר דאס. נאר ער האט אויך קיין לעבען ניט אויף יענער וועלט.

דער בעסטער סימן צו דערקענען דורך איהם די „מדרגה" פון א רייכען מאן, די ווערטה זיינע, איז דורך זיינע באַ־ציהונגען צום ארימאן.

יעדער איינער — ווערט דארטען ווייטער געזאגט — וואס איז א וותרן לגבי דעם ארימאן, פארדינט ער, ער זאל האבען א קיום אויף דער וועלט, און אין זיין זכות האלט זיך אין איהר קיום די וועלט. אזא איינער האט לעבען אויף דער וועלט און אויך אריכות ימים אויף יענער וועלט.

דאס ווארט עשיר האט אין זיך די זעלבע אותיות, וואס רשע. דאס ווארט רשעות האט אין זיך די זעלבע אותיות וואס עשירות. ווייזט אויס, אז די אויפפאסונג פון די אלטע העברעער איז געוועז, אז רשעות און עשירות איז היינו הך. ווייזט אויס ,אז זייער אויפפאסונג איז געוועזן אז גרויס עשירות מוז צו רשעות פיהרען, אז נאר איבער דעם וועג פון רשעות קען מען צו גרויס עשירות קומען.

און אז עס איז ווירקליך טאקע אזוי, אז די עהנליכקייט אין די אותיות פון די דאזיגע צוויי ווערטער איז ניט קיין צופעליגע, זעהען מיר דערפון, וואס „אין תנ"ך געפינען מיר טאקע, ווי דאס ווארט רשע ווערט מיט דעם ווארט עשיר

דאַרטען פאַרביטען. אויך אויף אַראַביש ווערט אַן עשיר — מיט דעם וואָרט פושע באַצייכענט" *).

און רבי נחמן בראסלאַווער זאָגט, אַז געלט שטינקט, ווי צואה ממש **).

מען מוז שוין גאַר שטאַרק רייניגען עס דורך צדקה, עס זאָל דעם שלעכטען ריח זיינעם אַנווערען.

עס באַדאַרף די העכסטע שטרעבונג זיין פון דעם רייכען מאַן, ער זאָל צוקומען דורך זיינע האַנדלונגען צו אַזאַ מדרגה, מען זאָל איהם קענען אַלס אַן עשיר בעל צדקה באַצייכענען. עס באַדאַרף זיין העכסטע שטרעבונג זיין, ער זאָל זיך ניט אין דער קאַטעגאָריע פון סתם אַן עושר געפינען. וואָרים „סתם עשיר — רשע", זאָגט דער אבן־עזרא.

.2

און פונקט ווי רייכקייט איז בכח איינצופלאַנצען מדות רעות אין מענשען, אַזוי איז אָרימקייט, פאַרקעהרט, ברענגט צו מדות טובות. אַזוי ווי רייכקייט ברעכט איבער דעם מענ־שען צום ערגערען, אַזוי ברעכט איבער אָרימקייט דעם מענ־שען צום בעסערען. אָרימקייט ברענגט דעם מענשען, ער זאָל זיך צוגעוואוינען איינצוצוימען אין זיך די תאוות זיינע, ער זאָל קיין „הולך בשרירות לבו" ניט זיין. דער רייכער פיהלט זיך פעסט, זיכער אין לעבען, גלייך ווי ער וואָלט זיך שטענדיג אין אַ שטאַרקער פעסטונג אויפגעהאַלטען. „הון עשיר קרית עזו" — משלי, י' — דאָס פאַרמעגען פון רייכען מאַן איז די שטאַרקע פעסטונג זיינע. דער אָרימאַן אבער פיהלט זיך שטענדיג גלייך, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבען זיינס אין אַ חורבה זיך אויפגעהאַלטען. „מחתת

*) „אוצר השרשים" פון בן זאב, ערך „עשר".

**) זעה „די מעשה מיט דעם בעל תפלה".

דלים — דאַרטען — רישם". דאָס אָרימקייט פון די אָרימע לייט האַלט זיי אין שטענדיגער שרעק.

אָרימקייט ברעכט די גאוה אין מענשען. זי מאַכט איהם פאַר א „שפל ברך". זי פלאַנצט אין איהם די מדה פון ענוה איין. „אוהבי עשיר רבים" — משלי, י"ד — דער עושר האָט פריינד א סך. ער איז אַרומגערינגעלט שטענדיג פון מענשען, וואָס שמייכלען זיך צו איהם, וואָס חנפענען איהם. מען שענקט איהם שטענדיג אויפמערקזאַמקייט א סך מעהר, וויפיעל ער פאַרדינט. „עשיר ידבר — כל פה יחשה, ועד מרום ישאו שיחו" — בן סירא, י"ג, תרגום פרענקיל — אַז דער רייכער רעדט ווערט יעדעם מויל אַנטשוויגען, און ביז אין הימעל לויבט מען די רייד זיינע. אָבער „חכמת המסכן בזויה" — קהלת, ט' — מיט פאַראַכטונג באַציהט מען זיך צו דער חכמה פון אָרימאַן. „עני ידבר—יאמרו: „מי זה?"—דאַרטען אין „בן סירא" — אַז דער אָרימאַן רעדט, זאָגט מען: ווער איז ער עס? ווען ער זאָל אפילו פון נאַטור א גא זיין, ברעכט איהם איין דאָס לעבען, עס זאָל פון איהם די גאוה אויסגעוואָרצעלט ווערען. וואָרים ער געהט אַרום אומבאַמערקט, איגנאָרירט אין לעבען שטענדיג. וואָרים אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ מוז זיין שטאָלץ געבראָכען ווערען.

די אותיות פון וואָרט עניו זענען די זעלבע ווי פון וואָרט עני. פילאָלאָגיש זענען דיביידע ווערטער אין איין שורש פאַראייניגט. וואָרים דורך וואָס נאָך דען פאַר א שולע קען דער מענש צו עניוות קומען, ווי דורך דער שולע, וואָס דער אָרימאַן מאַכט אין זיין לעבען דורך?

און נאָך מעהר פיהרט אָרימקייט צו דער מדה פון רחמנות. זיינע, דעם אָרימאַנס, אייגענע ליידען מאַכען איהם פיהלבאַר צו פרעמדע ליידען. נויט, ליידען זענען פאַר איהם ניט קיין פרעמדער באַגריף. ער ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס

פון אייגענער ערפאהרונג. ער קען דעריבער האבען מיט־געפיהל, מיטלייד צו יענעם. קיין זאך איז ניט אזוי בכח דאס מענשליכע הארץ ווייך צו מאכען, די מדה פון רחמנות אין דעם איינצופלאנצען, זיין נשמה צו דערהויבען, לייטערען, ווי די אייגענע יסורים, וואס א מענש לעבט איבער, ווי דער צער, פון וועלכען עס ווערט זיין נשמה געפייניגט.

און וואס דען נאך פאר א גרעסערע יסורים קען זיין, ווי די יסורים, וואס ארימקייט איז דעם מענשען גורם?

„ארימקייט — ווערט אין נדרים, ז׳, געזאגט — איז ווי דער טויט. ווארים עס איז געשריבען: „כי מתו כל האנשים" — שמות, ד׳ — ווארים די אלע מענשען זענען שוין אויס־געשטארבען. מיינט דארטען דאס ווארט מתו ניט אויסגע־שטארבען אויף אן אמת, נאר פאראארימט געווארען *).

עס איז ניטא אויף דער וועלט נאך אזא הארצגעבראכע־נער, ווי דער ארימאן — „זוהר", בשלח.

און מיר האבען געלערענט: „אין יעדען ארט, וואס די חכמים האבען אנגעשטעלט זייערע אויגען אויף איינעם צום שלעכטען, איז דער עונש געווען אדער טויט, אדער ארימ־קייט".

„ארימקייט אין הויז פון א מענשען — בבא בתרא, קט"ו — איז שווערער פון פופציג מכות".

„תתק"נ מיני מיתות" — „זוהר" דברים, רע"ג — זענען פא־ראן אויף דער וועלט, און „חסרון כיס" איז ערגער פון זיי אלע.

„עס איז ניטא נאך אזא שווערע מדה — שמות רבה, פרשה ל"א — ווי ארימקייט איז. ווארים דער וואס איז גע־שטראפט מיט ארימקייט, איז גלייך, ווי עס זענען באהעפט

*) „וכי מתים היו? אלא שירדו מנכסיהם".

אין איהם די אַלע יסורים פון דער וועלט, און גלייך, ווי עס זענען געקומען אויף איהם די אַלע קללות פון משנה תורה.

„און אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: ווען עס וואָלטען צונויפגענומען געוואָרען די אַלע יסורים אויף דער וועלט אויף איין זייט און אָרימקייט אויף א צווייטער זייט וואָלט אָרימקייט איבערגעוואויגען זיי אַלעמען.

„קום און זעה: אַז דער שטן האָט מקטרג געווען אויף איובן און געזאָגט צו גאָט: דו האָסט דאָך איהם באַשיצט אין אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט. אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנט צו איהם — האָט גאָט צו איובן געזאָגט: וואָס ווילסטו, אָרימקייט אָדער יסורים? האָט צו איהם איוב געזאָגט: רבונו של עולם, איך בין מקבל אויף זיך די אַלע יסורים פון דער וועלט, אָבער ניט קיין אָרימקייט: „וואָרים אָרימקייט איז ערגער פון אַלע יסורים אין דער וועלט".

און אויף דעם פסוק — משלי, ט"ו — „כל ימי עני רעים", זאָגט די גמרא — בבא בתרא, קמ"ו: — בן סירא זאָגט: ניט נאָר די טעג זיינע זענען שלעכטע, נאָר אויך די נעכט זיינע זענען שלעכטע *).

*) דער גאַנצער מאמר לעזט זיך דאָרטען ווי פאָלגט: „כתיב בספר בן סירא: כל ימי עני רעים. בן סירא אומר: אף לילות בשפל גגים — גגו. ממטר גגים לגגו. ברום הרים כרמו — מעפר כרמו לכרמים — עס שטעהט געשריבען אין ספר בן סירא. די אַלע טעג פון אָרימאַן זענען שלעכטע. בן סירא זאָגט: אויך די נעכט — נידעריגער פון אַלע דעכער איז זיין דאַך. רינט דער רעגען פון אַלע דעכער אַראָפּ אויף זיין דאַך. אויף דעם שפּיץ פון די בערג איז זיין וויינגאָרטען — פאַלט די באַמיסטיגונג פון זיין וויינגאָרטען אין אַנדערע וויינגערטנער אַריין. אגב: אין אונזער בן סירא געפינט זיך ניט דער מאמר.

אפילו ביינאכט, ווען אלץ רוהט און שלאפט אין דער נאטור, ווען אלע מענשען ליגען אין זייערע בעטען, איינגעהילט אין זייער רוהיגען שלאף, האבען זיי, די ארימע לייט, קיין מנוחה ניט.

„אט דער ארימאן — ויקרא רבה, פרשה ל"ד — זיצט און איז זיך מתרעם: וואס בין איך אנדערש פון אט יענעם רייכען מאן, ער שלאפט אויף זיין בעט און איך שלאף דא אויף דער ערד. יענער שלאפט אין הויז, און איך דא אין דרויסען" *).

ארימקייט איז א „כור מצרף", צו לייטערען אין איהם דעם מענשען פון זיין פסולת, ניט צו דערלאזען, עס זאלען זיך אין איהם מדות רעות אנקלעפען, איינצופלאנצען אין איהם מדות טובות.

און דאס איז דער זין פון דעם וואס זיי, די חז"ל, האבען געזאגט — חגיגה, ט' — אז „יאה עניותא ליהודאי", אז ארימקייט איז גוט פאר די אידען.

„עס שטעהט געשריבען — ווערט אין חגיגה, ט', געזאגט — „הנה צרפתיך ולא בכסף, בחרתיך בכור עוני" — ישעיה, מ"ח — איך האב דיך געלייטערט און ניט ווי מען לייטערט זילבער. דורך דער ארימקייט, דורך וועלכער דו ביזט געפייניגט געווארען, האב איך דיך אויסדערוועהלט. אין געדרונגען דערפון ,אז גאט האט נאכגעזוכט אלערליי מדות טובות פאר די אידען און ער האט ניט געפונען פאר זיי, נאר ארימקייט".

.3

און אט דערפאר, וואס דער ארימאן איז דורך דעם צער זיינעם, דורך די יסורים זיינע א געלייטערטער, דערפאר,

*) שוין ציטירט אביסעל פארקירצט אין צווייטען קאפיטעל: „דער אופן, ווי מען באדארף צדקה געבען".

וואס ער געהט ארום מיט א צובראכענעם געמיט אין לעבען, דערפאר איז ער צו גאט נאהענט, דערפאר וואכט גאט איבער איהם, ער זאל זיך זיין קריוודע אננעהמען.

מיר האבען אין „ויקרא רבה, פרשה ל"ד, געלערענט:

רבי אבין האט געזאגט: דער דאזיגער ארימאן שטעהט אויף דיין טיר און קודשא בריך הוא שטעהט נעבען זיין רעכטער האנט. ווארים עס איז געשריבען: „כי יעמוד לימין אביון" — תהלים, ק"ט — ווארים ער, גאט, שטעהט ביי דער רעכטער האנד פון ארימאן. איז אויב דו האסט איהם עפעס געגעבען — וויים, אז דער וואס שטעהט נעבען זיין רעכטער האנד, וועט דיר דיין שכר געבען. אויב דו האסט איהם אבער ניט געגעבען, וויים, אז דער, וואס שטעהט נעבען זיין רעכ־טער האנד וועט דיר אפצאהלען פאר דיין אכזריות.

בשעת דער ארימאן געהט צו צום בעל הבית — תמורה, ט"ו — און זאגט: „שפייז מיך" — איז אויב ער שפייזט איהם איז גוט, און אויב ניט איז „עשיר ורש נפגשו, עושה כלם ה'" — משלי, כ"ב — דער רייכער מיט דעם ארימאן ווערען באגעגענט, גאט מאכט זיי אלע. איז דער, וואס האט געמאכט דעם פאר א רייכען, מאכט איהם פאר אן ארימאן; דעם, וואס ער האט פריהער געמאכט פאר אן ארימאן, מאכט ער איצט פאר א רייכען *).

---

די הארצגעבראכענקייט פון ארימאן לייטערט איהם, דער־הויבט איהם. די גרויסע יסורים, וואס דער ארימאן ליידט, דער גרויסער צער, וואס ער לעבט איבער, פיהרען איהם צו אלץ גרעסערע מדרגות. זיי פארטויבען אין איהם אלץ מעהר

*) שוין ציטירט אין קאפיטעל „דער שכר פון צדקה".

און מעהר די פארערונגען פון גוף; זיי אונטערדריקען אין איהם דעם חומר זיינעם און ברענגען די נשמה זיינע צו אלץ מעהר שארפען און פולען אויסדרוק. דער איך פון ארי־מאן באשטעהט מעהר פון נשמה, ווי פון גוף.

און נאך מעהר נשמה בלויז איז ער, ווען ער ווייזט זיך פאר גאט.

„אט די אלע קינדער פון דער וועלט — ווערט אין „זוהר", בשלח, כ"א, געזאגט — ווייזען זיך פאר קודשא בריך הוא אין דעם גוף זייערען און אין דער נשמה זייערער. דער ארימאן אבער ווייזט זיך פאר איהם נאר אין דער נשמה זיינער אליין. דעריבער איז קודשא בריך הוא פיעל נעהענטער צו איהם, ווי צו די אלע איבעריגע מענשען. ווארים קודשא בריך הוא איז פיעל נעהענטער צו דער נשמה, ווי צום גוף".

און וועיל ער איז צו איהם נעהענטער, ווי צו אלע אנ־דערע מענשען, נעהמט ער אויך אויף זיין תפלה פריהער פאר די אלע אנדערע תפלות.

ביי דריי — ווערט אין „זוהר" בלק, קצ"ה, געזאגט — שטעהט דאס לשון „תפלה". „תפלה למשה איש האלהים" — תהלים, צ' — די תפלה פון משה דעם געטליכען מאן; „תפלה לדוד" — דארטען, פ"ו — א תפלה פון דודן; „תפלה לעני" — דארטען, ק"ב — א תפלה פון אן ארימאן. וועלכע תפלה פון די דאזיגע אלע דריי איז חשובער פון אלע? זאגען מיר: די תפלה פון אן ארימאן. די דאזיגע תפלה איז פריהער פאר דער תפלה פון משהן. זי איז פריהער פאר דער תפלה פון דוד. זי איז אויך פריהער פאר די אנדערע תפלות פון דער וועלט. פארוואס? וועיל דער ארימאן איז א הארצ־געבראכענער. ווי עס איז געשריבען: „קרוב ה' לנשברי לב" — תהלים, ל"ד — גאט איז נאהענט צו די אלע צעברא־

כענע הערצער. דער ארימאן פארפיהרט א קריעג שטענדיג מיט קודשא בריך הוא, און קודשא בריך הוא פאלגט איהם און הערט איהם אויס די רעד זיינע. אז ער איז מתפלל די תפלה זיינע עפענען זיך אויף די אלע פענסטער פון הימעל, און די אלע אנדערע תפלות, וואס שטייגען אויבען, ווערען אין דער זייט ארויפגעשטויסען, כדי צו מאכען פאר איהר דעם וועג איהרען אין הימעל אומגעשטערט. זיי קומען ניט צו צו קודשא בריך הוא ביז זיין תפלה קומט ניט צו פריהער צו איהם. ווארים קודשא בריך הוא זאגט: זאלען די אלע תפלות אפגעלעגט ווערען, אבי די דאזיגע תפלה זאל מיך דערגרייכען, זאלען פריהער זיינע תרעומות צו־קומען צו מיר. איך וויל, אז מיר זאלען אליין זיין, נאר איך מיט דער תפלה זיינער. און אט אזוי איז זיך גאט מתייחד אליין מיט די דאזיגע תרעומות פון ארימאן, מיט דער תפלה זיינער. ווי עס איז געשריבען: „ולפני ה׳ ישפוך שיחו״ — תהלים, ק״ב — און פאר גאט גיסט ער אויס זיין צער. פאר גאט. אודאי פאר גאט. די אלע הימעל חיילות פרעגען זיך איינע ביי די אנדערע: קודשא בריך הוא, מיט וואס פאר־נעהמט ער זיך? אין וואס איז ער זיך משתדל? זאגען זיי: ער איז זיך מתיחד מיט באגעהר גרויסען מיט די כלים זיינע. ווארים קיין גרעסערען פארגעניגען האט ניט דער ארימאן, נאר אז ער גיסט אויס די טרעהרען זיינע מיט תרעומות פאר קודשא בריך הוא. און אויך קודשא בריך הוא האט ניט קיין אנדער פארגעניגען, נאר, אז ער נעהמט זיי אויף און לאזט זיך זיי פאנאנדערגיסען פאר איהם.

אט אזוי איז די תפלה פון אן ארימאן. זי איז מדחה די אלע אנדערע תפלות פון דער וועלט.

משה האט מתפלל געווען זיין תפלה און ער איז פאר־האלטען געווארען כמה טעג מיט דער דאזיגער תפלה.

און דוד — אז ער האט געזעהן, אז די אלע פענסטער און טויערען פון הימעל זענען אלע גרייט געעפענט צו ווערען פאר דעם ארימאן און אז צווישען די אלע תפלות פון דער וועלט געפינט זיך ניט קיין איינע, וואס קודשא בריך הוא זאל זי באלד אויפנעהמען, ווי די תפלה פון אן ארימאן — אז ער האט דאס דערזעהן, האט ער זיך געמאכט פאר אן ארימאן. ער האט אראפגענומען פון זיך די בגדי מלכות און האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, ווי אן ארימאן, און זיין תפלה מתפלל געווען. ווי עס איז געשריבען: „תפלה לדוד: הטה ה׳ אזנך, ענני, כי עני ואביון אני" — תהלים, פ"ו — די תפלה פון דודן: נויג צו, גאט, דיין אויער, ענטפער מיר, ווארים אן עני ואביון בין איך. „נויג צו דיין אויער". פארוואס? ווייל אן עני ואביון בין איך.

# רשימה

## פון פּערזאָנען, שטעדט, לענדער און ביכער, וואָס ווערען דערמאָנט אין דעם בוך.


א.

אבהו, רבי: 14, 62, 98, 99.
אָבות — מסכת: 60, 61, 94, 129, 145, 146.
אביי: 133.
אבין, רב: 160.
אבן עזרא: 46, 155.
אברהם אָבינו, אַברהם: 31, 32, 33, 102.
אגרת יסוד התשובה: 131.
אדא בר אהבה, רב: 102.
אדום: 41, 42.
„אדרא קדישא": 77.
אוצר השרשים: 155.
איוב: 51, 158.
אליהו: 34.
אלכסנדר זיסקינד: 120.
אלעזר, רבי: 98, 99, 133.
אלעזר איש ברתותא, רבי: 66.
אלעזר הקפר, רבי: 50.
אלפא ביתא דבן סירא: 63, 68, 69.
אסת רבה: 79.
אשור: 35.

ב.

בבא מציעא: 17, 36, 52, 139.
בבא בתרא: 31, 46, 47, 48, 51, 53, 55, 61, 68, 85, 89, 101, 105, 118, 157, 158.
בבלי: 139.
בהר: 64, 86, 87, 119.
בובליק, גדליה: 47.
בועז: 57.
ב"ח, הגהות הב"ח: 31, 102.
ביצה: 30.
בית לחם: 40, 41.
בית עלי: 133.
בלק: 87, 161.
במדבר: 36, 117.
במדבר רבה: 87.
בנימין הצדיק: 68.
בן זאב: 155.
בן סבר: 69, 70, 71, 72, 73.
בן סירא: 156, 158.
בעלי הקבלה: 14.
בעלי הש"ס: 102.
בעלי תוספות: 119.
בראַסלאַווער, רבי נחמן: 155.
בראשית: 10, 14, 36, 41, 45, 46, 56, 57, 58, 61, 154.
בראשית רבה: 9, 14.
ברוריה: 34.
ברכות: 24, 26, 34.
בר קפרא: 50.
בשלח: 77, 85, 157, 161.
בת קול: 73.

ג.

גדול: 125.
גיטין: 35, 36, 76, 84, 119.
גמרא: 29, 31, 34, 45, 63, 81, 119, 158.

ד.

דברים: 24, 25, 30, 45, 46, 99, 112.
דברים רבה: 40, 62, 82, 100, 116, 119, 132, 138, 142.
דוד המלך, דוד: 40, 161, 163.
די מעשה מיט דעם בעל תפלה: 155.
דרך ארץ זוטא: 50, 61, 62, 110, 137, 145.

ה.

הונא, רב: 101.
הושע: 133.
הלכות דעות: 30.
הלכות מלוה ולוה: 137, 139, 141, 144.
הלכות מתנות עניים: 31, 35, 46, 51, 53, 63, 82, 86, 87, 88, 89, 100, 101, 106, 110, 113, 116, 122.
הלכות תשובה: 13.
הלל הזקן: 83.

ו.

ווארמס: 120.
ויקהל: 60.
ויקרא: 16, 24, 58, 73, 111, 119.
ויקרא רבה: 46, 48, 50, 52, 53, 56, 62, 63, 69, 86, 87, 98, 102, 159, 160.

ז.

זוהר: 32, 41, 56, 57, 58, 60, 73, 77, 87, 102, 109, 151, 154, 157, 161.

ח.

חבריא: 78.
חגיגה: 52, 159.
חדושי אגדות: 25.
חדושי מהרש"א: 100.
חומש: 110.
חוקת: 36.
חז"ל: 25, 46, 48, 50, 51, 53, 56, 63, 64, 94, 159.
חזקיה, רבי: 78.
חייא, רבי: 74, 75, 76.
חכמים: 102, 107, 158.
חמי טבריא: 99.
חנינא בן תרדיון: 34, 54.

ט.

טאגעבלאט: 47.
טויבש: 47.

י.

יבמות: 36.
יד החזקה: 27.
יהודה ב"ר סימון, רבי: 55.
יהודה, רב: 101.
יהושע, רבי: 56.
יהושע בן לוי, רבי: 34, 95, 116.
יהושע בן קרחה, רבי: 55.
יוחנן, רבי: 31, 52, 99, 102, 130.
יוחנן בן זכאי, רבי: 65, 66.
יונה, רבי: 52.
יונה הנביא: 35.
יונה — ספר: 35.
יונה מגירונדי, רבי: 131.
יוסא, רבי: 77, 78.

יוסי, רבי: 74, 75, 76, 139.
יוסי ב"ר זבדאי, רבי: 29.
יוסי ב"ר יעקב, רבי: 78.
יוסף: 68, 69.
יוסף בר אבין, רבי: 29.
יחזקאל: 99.
ילקוט: 48.
ילקוט משלי: 61.
ילקוט שיר השירים: 48.
ינאי, רבי: 52.
יעקב: 47, 48.
יצחק: 32, 33.
יצחק, רבי: 85.
ירושלים: 47, 62, 64, 65.
ירושלמי: 104, 130.
ירמיהו: 100, 105, 118.
ישעיה: 50, 55, 56, 60, 63, 64, 85, 87, 89, 137, 151, 159.
יתרו: 151.

## כ.

כהנא, רב: 122, 123.
„כי תבוא": 40.
כנסת ישראל, 47.
כרבותין:: 79.
כתובות: 62, 64, 80, 83, 98, 99.

## ל.

לך לך: 61.
לעזר, רבי: 52.

## מ.

מאיר, רבי: 34.
מאן דאמר: 29.
מגילה: 22, 26, 27.
מדרש: 62, 63, 102.
מדרש גדול וגדולה: 89.
מדרש רבה: 16, 24, 37, 38, 67.
מדרש תהלים: 97, 132.
מדרש תנחומא: 24.
מהר"ם מרוטנבורג, מהר"ם: 119, 121.
מהרש"א: 26, 34, 101.
מורה נבוכים: 25, 27.
מחוזא: 48.
מינים: 34.
מכות: 33.
מלאך המות: 71.
מלאכי השרת: 68, 73.
מסורת הש"ס: 101, 102.
מרדכי: 119.
משלי: 31, 64, 67, 117, 119, 144, 152, 155, 156, 158, 160.
משנה: 113.
משנה תורה: 158.
משפטים: 132, 142.
משה, משה רבנו: 13, 38, 39, 40, 46, 53, 130, 139, 162.
מתנות כהונה: 102.

## נ.

נדרים: 157.
נח: 24, 37.
נחום איש גם זו: 102, 103, 104.
נגינות: 35.
נעמי: 57.
נקדימון בן גוריון: 64, 65.
נשא: 41.
נשיא: 36.

## ס.

סוטה: 30, 45, 46, 116, 130.
סוכה: 46, 48, 49, 131, 133.
סנהדרין: 22, 23.
ספר בן סירא: 158.
ספר חסידים: 36, 37.
ספרי: 36.

## ע.


עבודת זרה: 16.
עוזיאל: 68, 69.
עוקבא, מר: 80.
עלזאס: 120.
ענזיסתיים: 120.
עקב: 36.
עקיבא, רבי: 104.
עקידה: 32.
עשו: 47, 48.
עשרה הרוגי מלכות: 84.


## פ.


פאה: 113, 122, 130.
פירוש המשניות: 27.
פירוש רבנו חננאל: 133.
פלשתים: 40, 41.
פסחים: 16, 31, 122, 123.
פראנקפורט אם מאין: 120.
פרענקיל: 156.


## צ.


צניעותא דספרא: 41.


## ק.


קהלת, קהלת רבה: 13, 52, 56, 95, 98, 156.
קליר: 26.


## ר.


ראה: 138.
רא"ש: 26, 119.
ראש השנה: 23, 133.
רב: 102, 122, 123, 146.
רבא: 81, 133.
רבה: 133.
רבי: 36.
רבנו גרשום: 89.
רבנו הקדוש: 36, 87.
רבנו חננאל: 23.
רבותינו: 79.
רבנן: 52, 65, 79.
רות: 56, 57.
ריש לקיש: 87, 99.
רמב"ם: 13, 25, 26, 27, 30, 31, 35, 51, 53, 55, 63, 82, 83, 86, 87, 88, 89 100 101, 102, 106, 107, 110, 113, 115, 117, 118, 119, 121, 122, 137, 139, 141, 144.
רמב"ן: 25.
רשב"ם: 31.
רש"י: 30, 46, 89, 102, 116,


## ש.


שבת: 30, 32, 47, 50, 102, 122, 137.
שטן, שטן מקטרג: 32, 33, 158.
שלמה המלך: 31.
שמואל ב׳: 40, 73.
שמות: 22, 38, 67, 141, 151, 157.
שמות רבה: 62, 157.
שמלאי, רבי: 130.
שמעון בן יוחאי, רבי: 77.
שמעון, רבי: 86.
שמעון בר ווא: 52.
שפיפון בן ליש: 71, 72, 73.
שקלים: 50, 53, 104.
שרה: 32, 33.


## ת.


תהלים: 24, 50, 51, 81, 131, 145, 151, 160, 161, 162, 163.
תוספות: 26, 102, 123.
תוספתא שביעית: 146.
תורה: 132, 138.
תלמוד: 23, 30.
תלמוד ירושלמי: 36, 52.
תמורה: 64, 160.
תנחום ב"ר חייא, רבי: 56.
תנחומא: 24.
תנ"ך: 40, 102, 154.
תענית: 102.

דאָס דאָזיגע בוך איז אַ מעהר פאָלשטענדיגע, מעהר פאָלקאָמע בע־אַרבייטונג פון פראַגמענטען איינצעלנע, וואָס זיינען געדרוקט געוועזן — אונטער דעם נאָמען „פראַגמענטן איבער אידישער עטיק“ — אין „מאָרגען זשורנאַל“, 1927.